פרייז 30 גר.

הײנט 16 זײטען

NAJER FOLKSBLAT

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

נייער פאלקסבלאט

№ 235 | Łódź, Poniedziałek, 13 października 1930 r. | אכטער יאהרגאנג | לאדז, מאנטאג, כ״א תשרי תרצ״א | № 235

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

האסטו זיך שוין פערזעהען
מיט אן׳עלעגאנטען
הערבסט-הוט?
אייל צו דער גוט-בעקאנטער פירמע
M. Rapaport, 9 פיעטריקאווער 9
וואו דו בעקומסט אינטערנאציאנאלע אויסלענדישע אזוי אויך איינהיימישע היטען אין אלע קוואליטעטען צו זעהר ערמעסיגטע פרייזען.

קאמוניקאט

פון יודישען ארבייטער וואהל-קאמיטעט „פועלי ציון״ לאדז

הויפט-וואהל-ביורא פאמארסקא 17

אין דער „פאלקס-צייטונג״ און אין אנ. ערע צייטונגען האט זיך בעוויזען א ידיעה, אז דער בונד האט געשאפען א בלאק מיט פועלי ציון, די זעלבע פאלשע ידיעות פערשפרייטען אויך די בונדישע אגיטאטארען אויף הויז-אגיטאציע. מיר מעלדען, אז די פועלי ציון גייען זעלבסטשטענדיג צו די וואלען מיט אנ׳אייגענע ליסטע. דער נומער פון דער פועלי ציון ליסטע 6.

צעירי ציון, אדער ווי זיי רופען זיך רעכטע פ״צ פעראייניגט מיט צ. ס. האבען זיך בלאקירט מיט׳ן בונד. דאס איז א גרופע וואס גייט שטענדיג מיט די בורזשואזנע ציוניסטען צוזאמען. פיהרען אויס אלע ציוניסטישע ארבייטען און אין די פארקעמפערין פון דעם קעמפענדיגען רעאקציאנערן העברעאיזם אין ארץ-ישראל. דער בונד וויל פערדעקען זיינע שענדליכע מעשים מיט׳ן נאמען פון פועלי ציון. די ארבייטער און פאלקס-מאסען זאלען געדענקען, אז אויב ס׳וועט ווער זיי זאגען, אז די פועלי ציון פארטיי גייט אין א בלאק מיט׳ן בונד איז דאס שווינדעל און שאנטאזש.

יעדער ארבייטער וואהל-קאמיטעט „פועלי ציון״ אין לאדז ליסטע 6

מיט א רוהיג געוויסען
גאראנטיר איך, אז מיינע
שאמאט-אייוועז
און
קוכען
וואס ווערען ... אין פאבריק אויסגעארבייט זענען פון די
בעסטע מאטעריאלען
געבויט ... שטארק, דויערהאפטיג און פינקטליך און רעעל אויסגעפערטיגט.
ביליגע פרייזען! ◆◆ רייכער אויסוואהל!
ס׳ווערען אויסגעפיהרט אלע ארט רעפעראטורען.

ערשטע שאמאט-אייוועז-פאבריק
י. נ. גרינהאלץ
פיעטריקאווער 37
טעלעפאן 156-64



מענער-היט
עלעגאנט | מאדערן
אין א גרויסען אויסוואהל בעקומט מען
— ביי —
י. שווארצבערג
פראקטיש | פיעטריקאווער 50 אנ׳ם הויף פרייזען רעדוצירט | פרייזווערדיג

די עלעגאנטסטע און מאדערנסטע היטען
צום הערבסט- און ווינטער-סעזאן
עמפפעהלט די גוט-בעקאנטע פירמע
„SPLENDID״
לאדז, ליסטאפאד 31 (קאנסטאנס.)
געדענקט די אדרעס!

z intencji zaręczyn

p. **Arona Klara**

(Łódź)

z p. **Felą Kempińską**

(Ruda Pabjanice)

życzymy wiela szczęścia i różowej przyszłości.

F-ma Rotkowski i Prawda
Łódź, Aleksandryjska 12

הבדלות
פאר חברות און שוהלען
עמפפעהלט צו פאבריקס-פרייזען די
ליכט-פאבריק
23 וואלבארסקא 23

יין כשר!!!
ווער עס וויל זיך איבערצייגען, אז ווין דארף זיין גוט, כאטש ער קאסט ביליג עמפפעהלען מיר פון דער נייער ערעפענטער ווין און מעהד-פאבריק
א פלאש ווין פון א ¼ ליטער זעהר גוטען ראדזינען
צו פאבריקס-פרייזען
נאר 65 גראשען.
בעמערקונג: צו דער בעקוועמליכקייט פון ג׳ פובליקום בעקומט מען אין ראיאן גרינעם מארק און שייבלערס מארק דעם אויבענדערמאנטען 1/4 ליטער גוטען ראדזינען-ווין א פלאש צום פרייז 65 גראשען ווי אויך אלע אנדערע סארטען וויינען צו פאבריקס-פרייזען אין די ווין געשעפטען 1) פ. ליפעל, גרינער מארק 8; 2) ח. בלאנקעט, גלובנא 69.
מיט אכטונג
ווין און מעהד-פאבריק „פראגרעס״
אלטער מארק 2

ווייןעך קידוש
60 גראשען א פלאש ¼ – פון א ליטער
1⁶⁰ זל. א באטשינקע
בעקומט איהר נאר אין דער עלטסטער ווין- און מעהד-פאבריק פון
ש. ווישליצקי, 10 פיעטריקאווער 10 אין הויף
ווי אויך אין רעסטאראן זגערזשער 8 ביי שטראוי, אויפ׳ן גרינעם מארק 3 אין רעסטאראן בורשטין, ביי הערין קילינסקיעגא 46, ביי קושינסקי לוטאמירסקא 18 און אויף בזשעזשינער 21 ביי אלי׳ מרדכי סאוויצקי.

דער ניי-רעמאנטירטער
קאנצערט-זאל
3 פיראמאוויטשא 3
בעשטעהט פון 3 זאלען איז צו פערמיטען אויף פערזאמלונגען, ראוטען, קאנצערטען און חתונות צו די ביליגסטע פרייזען.
מחותנים! דינגט נישט אנדערשוואו, נאר קומט צו אונז זיך איבערצייגען. מיט אכטונג די איינהאבער

אנ׳ענטפער אויף אנ׳ענטפער

דעם טישלער-מייסטער בן-ציון גאלדשטיין, מיצקעוויטשא 2

אין צוזאמענהאנג מיט אייער אנאנס אין „נ. פ.״ פון פרייטאג דעם 10 אקטאבער ד. י. ערקלער איך פאלגענדעס: 1) נישט פון דעצעמבער 1928 שטעהט אייער מעבעל ביי מיר נאר פון פעברואר 1929, ווען איך האב מיך ארייגעצויגען און דער נייער דירה. אין דורמיט האט איהר זיך ארויסגעשטעלט אלס עפענטליכער ליגנער.

2) איך האב עדות, אז עס האט געפלאצט 3 חדשים נאכן ארייגשטעלען. די עדות וועל איך צושטעלען אין געריכט.

3) וועגען קאמארניק שטעל איך פעסט: אויב איך וואלט געוואלט אייך נישט בעצאהלען פאר געפלאצטען מעבעל, וואלט איך אייך איינגעהאלטען די גאנצע סומע פון 1150 זל. אבער איך האב אייך אלעס בעצאהלט, נאר דעם לעצטען וועקסעל פון 100 זל. איינגעהאלטען, כדי אייך צו בעוועגען מיר דאס מעבעל צורעכט צו מאכען. אבער איהר האט געהאנדעלט אומענשליך, נישט צורעכט געמאכט דאס מעבעל און איינגעמאהנט דאס וועקסעל דורכ׳ן קאמארניק. ווער עס האלט ביי אייך קויפען מעבעל קען צו מיר קומען פאר אינפארמאציעס.

יעקב ראזענוואלד, מלינארסקא 15

געגען עקספארט פון לעבענסמיטעל

רעזאלוציע פון אנ'ארבייטער=מיטינג אין מאסקווע

לאנדאן, 12 (ספ. טעל.) דער בערלינער קארעספאנדענט פון „דיילי עקספרעס" איז מודיע פוי איטאריטעטע קוועלען, וועגען ערנסטע ארבייטער-אומרוהען אין מאסקווע. אויף איינעם פון די גרויסע זאוואדען איז פארגעקומען א פראטעסט-מיטינג געגען דעם ארויספיהרען תבואה קיין אויסלאנד. אויפ'ן מיטינג, וואס איז פארגעקומען לויט דער איניציאטיוו פון דער רעסטער ואפאזיציע איז אנגענומען געווארען א רעזאלוציע געגען דער עקספארט-פאליטיק פון דער סאוויעטישער רעגירונג, וועלכע ווערט בעצייכענט אלס פערברעכען בנוגע דעם פראלעטאריאט און פויערטום.

די רעזאלוציע פאדערט, אז ס'זאל אפגעשטעלט ווערען דער עקספארט פון תבואה, אייער פוטער און לעדער. ס'ווערט אויך געפאדערט, אז אין אויסלאנד זאלען איינגעקויפט ווערען פראדוקטען פאר דער בעפעלקערונג און ס'זאל געענדערט ווערען דער סיסטעם פון די פראדוקטען-קארטען. ווייטער ווערט געפאדערט, אז די סאוויעטען זאלען אפשאפען דעם דומפינג סיסטעם (פערקויפען פראדוקטען נידריגער פון איינגענעם פרייז, כדי צו פערקאנקורירען אנדערע), ווייטער ווערט געזאגט אין דער רעזאלוציע, דער ראזינער עקספארט ברענגט דעם פראלעטאריאט מעהר שאדען, ווי די רעגירונג האט פון איהר נוצען.

אויפ'ן מיטינג זענען פערעפענטליכט געווארען ציפערען לויט וועלכע ס'קומט אויס, אז פונ'ם תבואה-עקספארט האט רוסלאנד פאר די לעצטע יאהרען געליטען פערלוסט 22 מיליאן פונט שטערלינג, פון לייגען-עקספארט — קנאפע צוויי מיליאן פונט שטערלינג און פון האלץ-עקספארט פינף און א האלבען מיליאן פונט שטערלינג.

אנ'אפענער בריף פון בעקאנטען זשורנאליסט און פאליטיקער פיער דאמענט צום פרעמיער טארדיע, אינם בריף מאכט דאמאנט אויפמערקזאם דעם פרעמיער אז אין סאוויעט-רוסלאנד עקזיסטירט פראנקרייך גארנישט. ענגלאנד, אמעריקא, דייטשלאנד לאזען זיך מערקען און הערען, אבער וועגען פראנקרייך רעדט מען נישט.

דאמיניק פערזיכערט, אז סאוויעט-רוסלאנד איז שטארק און פעסט, דאס לאנד לעבט און ווערט אויפגעבויט ווערען. מ'קען נישט איגנארירען רוסלאנד, אפילו ווען דארט הערשט א סאוויעטישער רעזשים.

אמת—שרייבט ווייטער דאמיניק — פראנקרייך האט אפילו אין מאסקווע א פעדטרעטער אבער ערבעט איז נישט אויף זיין ארט און אויף זיין שטעל מוז קיין מאסקווע בעשטימט ווערען אנ'אנדער מענש, וואס זאל זיין נישט אזוי פיינדליך צו י סאוויעטען.

פראנצויזישע ראדיקאלען פאר א דערנעהנטערונג מיט סאוויעט רוסלאנד

פאריז 12 (ספ. טעל.) אין אפיציאז פון דער ראדיקאלער פארטיי „רעפובליק" איז ערשינען

דאס פערגעניגען קאסט א ביסעל צו טייער

וואשינגטאן, 12 (ספ. טעל.) דער בעריכט פון דער געזעלשאפט צו בעקעמפען די פראהיביציע אין די פעראייניגטע שטאטען פון אמעריקא ווייזט אויף אז יעהרליך ווערט און אמעריקע אויסגעגעבען אויף געטראנקען צוויי מיליארד מיט 848 מיליאן דאלאר. ר. ה. מיט א מיליארד דאלאר מעהר, ווי ס'פלעגט אויסגעגעבען ווערען איידער די פראהיביציע איז אנגעפיהרט געווארען.

אין די פעראייניגטע שטאטען טרא'קען פער פאט ווערט יעהרליך אויסגעטרינקען דריי מיליארד ליטער ביער, 440 מיליאן ליטער וויין און 800 מיליאן ליטער בראנפען.

ווארשאווער קהלה זאל פונאנדערגעלאזט ווערן?

ווארשא, 12 (טעלעפאניש) דא האט זיך פערשפרייט קלאנגען, אז די ווארשאווער קהלה זאל פונאנדערגעלאזט ווערען און ס'זאל פעשטיכט ווערען א רעגירונגס-קאמיסאר.

א גרוס פון א לאדזער

ריגא. די פילרער אויסשטעלונג פון קינסטלער י. ליכטענשטיין און אלטענבערגס קונסט-סאלאן האט זיך נעכטען פערמאכט. די אויסשטעלונג האט געהאט א גרויסען דערפאלג און האט ארויסגערופען א בעדייטענדען אינטערעס אין אלע קרייזען. דער קינסטלער בלייבט דא נאך איינינע טעג, כדי צו ליקווידירען די געשעפטען, און נאכדעם פאהרט ער אפ צוריק קיין פאריז.

די רעוואלוציע אין בראזיליען

ניו-יארק, 11 (טו) לויט ידיעות פון ריא-דע-זשאנעירא זאל דאס רעגירונגס-מיליטער האבען צוריק אפגענומען ד ישטאט בארבאצענא איך שטאט מינאס-דזשעראס. די אפיציעלע בעריכטען פערצייכענען ווייטערע נצחונות פונ'ם רעגירונגס-מיליטער אין דרום פון סאנטא-קאטארינא.

לאנדאן, 11 (טו) אין בוענאס-איירעס ווערט אין משך פון דעם קומענדיגען מעת-לעת אפגעווארט אנ'ענטשידענע שלאכט אין בראזיליען.

לאנדאן, 11 (טו) א צוג מיט אנ'ערך 1000 זעלנער רעגירונגס-מיליטער. וואס איז געגאנגען פון סאן-פאולא קיין סאנטאס איז ארונטערגעפאלען פון א הויכער בריק. דערביי האבען ס'רוב זעלנער פערלוירען זייער לעבען. די ידיעה האט זיך נאך נישט בעשטעטיגט.

סאכטער זאגט זיך אפ פון איהר פאטער

מאסקווע, 11 (ספ. טעל. די טאכטער פון קאראטינינען, איינעם פון די 48 פערזאן, וועלכע זענען לעצטענס דערשאסען געווארען פאר סאבאטאזש. האט פערעפענטליכט אין „קאמסאמאלסקאיא פראוודא" א בריף, אז זי זאגט זיך אפ פון פאטער. זי האט אויך בעשלאסען צו ענדערען איהר נאמען פון „קאראטינען" אויף „פאנראניצקאיא". אונטער דעם פסעוודאנים האט דאס מיידעל פערעפענטליכט ארטיקלען און באלשעוויסטישע בלעטער.

אנטשאט טויט-שטראף — א יאהר טורמע

לעמבערג, 11 (טעלעפאניש). מיט א גרויסער צייט צוריק זענען דורכ'ן לעמבערגער געריכט פון געשוואוירענע פער'משפט געווארען צום טויט דריי יודישע קאמוניסטען, די סטודענטען פראפער, הירש און יוגענד.

דאס העכסטע געריכט האט דעם אורטייל אפגעשאפט און איבערגעגעבען דעם פראצעס נאכאמאל צו בעטראכטען.

איצט האט א צווייט געריכט ארויסגעטראגען אנ'אורטייל, לויט וועלכען יוגענד האט בעקומען 1 יאהר, הירש אנדערטהאלבען יאהר טורמע און פראפער איז אינגאנצען בעפרייט געווארען.

אויסגעמארדעט א יודישע פאמיליע

סאמבאר, 12 (טעלעפאניש) אין דארף פאטעק זענען באנדיטען בעפאלען די פאמיליע פונ'ם יודישען שענקער יצחק גאטעס און מיט העק דערמארדעט איהם, זיין פרוי, די טאכטער און די קרום־ליכע דינסט. די באנדיטען האבען צוגערויבט דאס מזומן־געלד און אנטלאפען. פון איצט האט מען נאך קיינעם נישט געכאפט.

קלאנג=פילם=טעאטער
„MIMOZA"
ul. Kilińskiego 178.
היינט און פאלגענדע טעג!
לאנג=דערווארטעטער 100% קלאנג=פילם א. נ.
„הערצער-מעלאדיע"
הערליכער ליבעס-פילם פון אונגארישען מדבר, וואס רירט ביז צו די טיפעניששען פון דער נשמה. א דראמע פון א דארפ'ש מיידעל, וואס איז פערליבט אין א בראוונען קעמפער. אין די הויפטראלען:
DITA PARLO i WILLI FRITSCH
אויסערן פראגראם: רעוועלאציאנס=קלאנג=צוגאבע
אנהויב 5.30, 7.30 און 9.15, שבת, זונטאג און יום-טוב 3.30 נ"מ
נעכסט. פראגראם: „פערפירערישען פון איראפא" מיט Igo Sym

דאנקזאגונג.
דעם אינניגסטען דאנק דריק איך אויס די געשעצטע הערען, דאקטוירים ה' אייזנער, ה' ראפאפארט, ה' פיקעלניק און ה' מארדקאוויץ פאר זייער בעמיהען זיך מיר צו דערהאלטען ביי מיין לעבען נאך אזא שווערע און געפערליכע אפעראציע וואס מען האט איבער מיר צדורכגעפיהרט און איך ווינש זיי ערפאלג אין זייער פראקטיק
מיט דרך ארץ:
חיים ליכטענפעלד.

געגעז בעליינונג
שבת דעם 10. אקטאבער ד. י. האב איך פערלוירען א לעדערנעם פארטפעל מיט אנ'אויסלענדישען פוילישען פאס אויפ'ן נאמען לעווי. אבצוגעבענען נאוואמיעסקא 30 2 טער שטאק צו ד. ראזענפעלד אדער פלאץ רעימאנטא 8 ביי עפשטיין.

7=קל. מענער=שולע (z pr. szk. panstw.) פון
ש. שולדענריין
29 פאלודניאווא 29
עם גן-ילדים איז די גצוואונשענע שולע פאר קינדער, וואס די עלטערן ווילען זיי געבען צוזאמען מיט וועלטליכע בילדונג א שטרענגע רעליגיעזע ערציהונג און גרינדליכע לעהרע אין תנ"ך, העברעאיש ווי אויך אין תלמוד. דאס לעה"-פערסאנאל בשטעהט פון די בעסטע פעדאגאגישע קרעפטען. אין פארבערייטונגס-קלאס ווערען אנגענומען שילער פון 5 און א האלב יאהר אהן שום קענטעגיש.
איינשרייבען טעגליך אין אלע קלאסען פון 9 ביז 2 און פון 4 ביז 6 נ.מ.

קירזשנער=ווערקשטעל
M. FARBER
פיעטריקאווער 27 קווער אפיצינע, 1. שט.
נעמט אן אלערליי קירזשנער=ארבייטען לויט די נייעסטע מאדעלען און צו צוגענגליכע פרייזען.
שנעלסטע אויספיהרונג! בעקוועהמסטע בעדינגונגען!
בעמערקונג: ס'ווערט געזוכט פון זאפארט א לערן=יונגעל

דיפל. מאסאזשיסט
אברהם
קאזשמינסקי
לימאנאווסקע 113, טעל. 188-30
(אלעקסאנדראווסקא)
מיט פיליעהריגער פראקטיק אין קור-ערטער ווי אויך אין שפיטאל. בעזייטיגט דורך הייל-מאסאזשען און עלעקטריזאציע פאראליוש, איסיאש, רעוומאטיזם, אטרעטיזם, ווי אויך נאכ'ן גיפסירען צו מעסיגע פרייזען.

אונזער פרעזעס ה' זכריה גאלדבערג און פרוי ווינשען מיר א כתיבה וחתימה טובה צום נייעם יאהר פאר זיין מסירת נפשדיגער ארבייט לטובת די מיטגלידער פון פעראיין דער קליינהענדלער - פעראיין אויף דער שמאט לאדז פיעטרקאווער 6.

לעזט!
אכטונג! אכטונג!
קאנקורענץ=פרייזן!
כדי צו ערמעגליכען די ברייטסטע קרייזען פון ב' פובליקום צו בעקומען א ביליגע און גוטע קינסטלערישע אויפנאהמע זענען די פרייזען אין מיין פאטאגראפישען אנשטאלט געווארען פערקלענערט ווי
12 שטיק („Express pictures") זל. 2
6 „ פאסט=פאטאגראפיעס „ 2
6 „ פאסט= „ ברוין „ 6
6 „ „ „ אויף זייד „ 8
אכטונג! צו א 1/2 טוץ זיידענע פאסט-פאטאגראפיעס גיט מען צו אכטונג!
אנ'אריגינעלען פארטרעט בחנם
ס'ווערען אויך אויסגעפערטיגט פארטרעטען אין ראהמען און אויך א פערקויף פון ראהמען
קומט און איבערצייגט אייך
מיט אכטונג „PARISIEN"
קונסט=אנשטאלט
פראנציסקאנער 30.

DR. MED.
L. Pikielny
אוראלאג
ספעציאל-ארצט פאר נירן, בלאז און אורין-קראנקהייט
NAWROT 8, tel. 2,19-90
צוריקגעקעהרט
נעמט אן פון 4–7 אווענד.

DR.
J. Szreiber
כירורג
צוריקגעקעהרט
טראוגוטא 14. טעלעפאן 122-95

עלעגאנטע פרויען
נוצען אויס דעם פערקויף פון פערשידענע מאדערנע פאלקעס מיט נאטירליכע
פאריזער שרינדען
בעשטעלונגען ווערען ערשטקלאסיג אויסגעפיהרט
קאנסטאנטינער 15, צוסער,
מעדליך פריוועקעס קענען זיך מעלדען.

א שטוב
מיט א קוך
(מיט א באלקאן, זוניג)
צו פערמיטען
צו טרעפען אין די שעה'ן פון 6–8 אווענד
כלאדנא 18 1 שטאק

עס ווערט געזוכט
א לאקאל פאר א שולע
אדער א אנדערער געאייגענטער לאקאל אין ראיאן פון צעגעלניאנא, גדאנסקא, זאוואדזקא, פאלודניא ווא אויף 2–3 שעה'ן אין אווענד פאר העברעאישע קורסען. צו מעלדען אין ציוניסטישען ביורא, צעגעלניאנא 4

אנ'איינגעפיהרט
געשעפט
אין בעסטען פונקט זוכט א שותף מיט 500 דאלאר אפערט. אין אדמיניסטראציע אונטער „500"

צו טולענע
גארדינען
זענען נויטיג אויספערטיגערינס ווי אויך שערערינס. צו מעלדען זיך לימאנאווסקא 26 ביי גאלדווארג

זעלטענע
געלעגענהייט
צו פערקויפען פריינווירדיג א שעהנע ווילע אין פאדעמביע אין בעסטען פונקט דירעקט אין וואלד, אפערטען אין אדמינ. פון „נייעם פאלקס-בלאט" אונטער „ווילע"

א לעהרער
מיט רעגירונגס-רעכט 16 יאהר פראקטיקירט, ערטיילט לעקציעס פאר שילער און דערוואקסענע: פויליש, דייטש פראנצויזיש, מאטעמאטיק, און בוכהאלטעריע.
שיף, שוו. יאקובא 12
רעכטס אפיצינע 1 שטאק וו 29

לעהרערין
גוטע פעדאגאגין ערטיילט אינטעריכט פאר ערוואקסענע אין פוילישע יודישע און דייטשע שפראכן צו ביליגע פרייזען
לאסמאן בזשעזינער 15

לעכער
מאשינאווע
ווערען אויסגענעהט ביי
נארדמאן ציגעלגאס 92

קוואליפיצירטע
טריקא-נייהערינס
ווי אויך קעטלערינס
קענען זיך מעלדען
ביי קוטשינסקי
נאוואמיעסקא 21

2 ציוניסטישע ליסטעס אין גאליציען

צוזאמענפאהר פון ציונ. וואהל-קאמיטעטען בעשלאסען ארויסצושטעלען אייגענע ליסטעס אין גאליציען, אפילו דארט, וואו ס'איז נישטא קיין אויסזיכט אויף א מאנדאט

וו א ר ש א, 12 (טעלעפאניש פון אונזער קאָר־רעספאנדענט). אין לאקאל פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע איז היינט פארגעקומען דער צוזא־מענפאהר פון די ציוניסטישע וואהל־קאמיטעטען פון גאנץ פוילען. צום צוזאמענפאהר זענען געקומען 300 דעלעגאטען. די ערעפענונגס־רעדע האט גע־האלטען

יצחק גרינבוים

זיין רעדע האט געדויערט 2 מיט א האלבע שעה. ער האט דערצעהלט וועגען זיינע אונטערהאנדלונ־גען מיט דער רעגירונג און האט איבערגעגעבען, אז ער האט דערביי ארויסגעשטעלט זעהר קליינע פאדערונגען. די רעגירונג האט זיי אבער נישט געוואלט נאכקומען און גראטען אפצעווארפען.

פון אלע זייטען — דערצעהלט ווייטער גרינ־בוים — זענען געקומען אנפראגען פארוואס שטי־צען מיר נישט די רעגירונג, אבער די רעגירונג — זאגט אדוו. גרינבוים — קען אונז זעהר לייכט געווינען, ערפילענדיג אונזערע גערעכטע פאדע־רונגען אין פוילען און לינדערנדיג די נויט פון די יודען.

גרינבוים רעדט דאן וועגען דער פאלקס־פארטיי. ער האלט, אז מיט 7־8 יאהר צוריק איז זי געוועזן פאפולער ביי די יודישע מאסען און האט זיך ערווארבען צוטרוי, אבער איצט איז זי געווארען קריכעריש און די יודישע מאסען האבען נישט ליב קיין שתדלנים. אויב אימיץ מיינט, אז די פארטיי האט עפעס אנ'איינפלוס איז ער אין טעות.

מיט די ווילנער דעמאקראטען קען מען געהן צוזאמען, אבער זיי זענען נישט טאלעראנט, זיי האבען — דערצעהלט גרינבוים — געפאדערט פון אונז, אז מיר זאלען שטיצען דעם יודישיזם און אליין בעקעמפען זיי דעם העבראאיזם. זיי זענען גרייט צו שטימען פאר'ן בודזשעט, אויב מ'וועט בעשטימען א פאר טויזענד זלאטיס פאר'ן יודישען וויסענשאפטליכען אינסטיטוט אין ווילנא. אבער צום סוף פיהרט ער אויס, אז אין קרויך־פוילען בילדען זיי נישט קיין פארטיי.

גרינבוים רעדט ווייטער וועגען דער אגודה, וועלכע ער טאדעלט פאר איהר קריכערישקייט און חנופה, קריטיקירט ראסנערן, וועלכער האט זיך קאמפראמיטירט מיט זיין טעטיגקייט אין „סורוויט" און אין דער האנדווערקער־באנק און שטעלט זיך אפ אויף ד' יסוהרים, וואס א גרויסער טייל פון זיי האט זיך ארויסגעבראכען פון דער אפיציעלער ליטונג און שטיצט די קאנדידאטור פון ה' טרוס־קער. נאכדעם ווי ער שטעלט זיך אפ אויפ'ן סאָ־ציאליסטישען בלאק פון בונד מיט די רעכטע פועלי־ציון גערט ער איבער צו דעם קאנפליקט מיט דער עקזעקוטיווע פון די גאליציאנער ציוניס־טען. ער רעדט וועגען זייער האנדלונג מיט גרויס פערביטערונג און צום סוף ערקלערט ער, אז אויב מ'וועט איהם נישט אויסדריקען קיין צוטרוי, איז ער גרייט אוועקצוגעהן פון דער אנפיהרערשאפט.

נאך גרינבוימען האט גערעדט

פראָפ. פארבשטיין

וועלכער האט איבערגעגעבען וועגען זיינע אונטער האנדלונגען מיט דער אגודה, די אגודה האט בעת די אונטערהאנדלונגען פערזיכערט, אז זי האט זיך ענטוישט אי ון דער סאנאציע. דערנאך האבען זיי געפאדערט א העלפט פון די זיכערע מאנדאטען און צום סוף אינגאנצען פערראטען.

נאכדעם ווי דער פערטרעטער פון התאחדות, ה' לעווי האט ערקלערט, פארוואס התאחדות איז צוגעטראטען צום ציוניסטישען בלאק און דער פערטרעטער פון מזרחי אין גאליציען ד"ר פעדער־בוש האט געגעבען אייניגע אויפקלערונגען האבען זיך אנגעהויבען

די וכוחים,

וועלכע האבען זיך פערצויגען ביז שפעט אין אוונט.

צום סוף איז אנגענומען געווארען א רעזאלוציע, וואס דריקט אויס

צוטרוי גרינבוים'ען

פאר דער ביז־איצטיגער לייטונג פון דער וואהל־אקציע. ווייטער איז בעשלאסען געווארען, אז דער בלאק צו פערטיידיגען די רעכט פון דער יודישער באציאנאליטעט אין פוילען זאל

ארויסשטעלען קאנדידאטורען אין אלע קרייזען אין גאליציען,

אפילו דארט, וואו ס'איז נישטא קיין שאנסען אויף אדורכצופיהרען אנ'אייגענעם קאנדידאט.

וו א ר ש א, 12 (טעלעפאניש פון אונזער קאָר־רעספאנדענט). היינט איז אויך פארגעקומען א זי־צונג פון

ציוניסטישע פארטיי־ראט

אין פוילען, וואס האט געדארפט בעשליסען וועגען דער שטעלונג צו דעם בלאק פון די גאליציאנער ציוניסטען. אויפ'ן פארטיי־ראט האט זיך ענטוויקעלט א קאמף צווישען די גרופען „על המשמר" און „עת לבנות". די לעצטע זענען געווען געגען דעם, אז דער ציוניסטישער בלאק זאל ארויסשטעלען ליסטעס אין גאליציען, כדי נישט צו דערפיהרען צו א ברידער־קאמף. צום סוף איז אנגענומען געווא־רען א רעזאלוציע, אז אויב די אפאזיציע אין גאליציען וועט פערלאנגען, אז מ'זאל זיי שטיצען זאל מען זיי די שטיצע ערטיילען. די דאזיגע רע־זאלוציע איז אנגענומען געווארען מיט 17 שטימען פון „על המשמר" געגען 9 שטימען פון „עת לבנות" די רעוויזיאניסטען האבען זיך אפגעהאלטען פון שטימען.

פון

ווילנא

איז דערהאלטען געווארען די ידיעה, אז דארט וועלען די ציוניסטען געהן צו די וואהלען צוזאמען מיט דער דעמאקראטישער פאלקס־פארטיי און ווירט שאפטליכע ארגאניזאציעס אהן דער אגודה.

פון די אגודה'שע קרייזען טיילט מען מיט, אז

אין וואהלין

זענען אין אייניגע קרייזען געשלאסען געווארען וואהל־בלאקען, אי וועלכע ס'געהען אריין ציוניס־טען, אגודה און ווירטשאפטליכע ארגאניזאציעס.

אין לעמבערג זאל דער פיהרער פון דער ווירטשאפטליכער פעראייניגונג יעגער קאנדידירען צום סיים

אויף דער ליסטע פון דער סאנאציע

אויפ'ן צווייטען ארט.

וואהל-בלאק פון כ. ד. מיט נ.פ.ר.

וו א ר ש א, 12 (טעלעפאניש) די שלעזישע כאדעקעס האבען נעכטען געשלאסען אנ'אפמאך מיט די רעכטע נ.פ.ר. דער אפמאך גילט פאר די וואה לען צום ווארשאווער סיים און סענאט און צום שלעזישען סיים. דער בלאק וועט טראגען דעם נאמען „קאטוילישער פאלקס בלאק.

ארעסטען

ווילנע, 12 (טעלעפאניש) דא זענען אַרעס־טירט געווארען צוויי אנגעזעהענע טוער פון פ.פ.ס.־לעוויצע.

לעמבערג, 12 (טעלעפאניש) היינט איז דא ארעסטירט געווארען דער אנגעזעהענע אוקראיני־שער טוער סטיטשקאָוו.

אנשטאט קיין אויסטראליע

ארייגעפאלען אין פערסישען ארעסט

לאנדאן, 12 (ספ. טעל.) די ענגלישע לופט־פליהער צעבערט און פיפהארן, וואס זענען ארויס־געפלויגען אין א רעקארד לופט־רייזע קיין אויס־טראליען האבען זיך אראפגעלאזט אויף דער פער־סישער טעריטאריע און זענען ארעסטירט געווארען דורך דער ארטיגער מאכט.

א קינד האט פארגעפילט די קאטאסטראפע

לאנדאן. „דיילי עקספרעס" גיט איבער א פאקט וואס איז נוגע דער קאטאסטראפע פון די־ריזשאבעל „רי 101".

אין א קליין שטעטעל נישט ווייט פון גארדינג טאן, וואו עס געפינט זיך דער אעראדראם פון די ענגלישע דיריזשאבלען, וואוינט די פאמיליע פון איינעם פון די אומגעקומענע ביי דער קאטאסטראפע, דעם מעכאניקער הארד. די פרוי הארד דערצעהלט אז אין דער גרויזאמער נאכט ווען עס איז געשעהן דער אומגליק מיט'ן דיריזשאבעל וועלכער איז גע־פלויגען איבער פראנקרייך, ארום 2 א זייגער ביי־נאכט האט איהר קליין יונגעלע פון 4 יאהר זיך אויפגעכאפט פון שלאף און אנגעהויבען פאדערען ביי איהר וואו איז זיין פאטער.

אויף מיין ענטפער — דערצעהלט די פרוי — אז דער פאטער וועט באלד קומען אהיים, האט זיך דאס יונגעל שטארק צוויינט שרייענדיג: איך וויל מיין פאטער. אין אייניגע מינוט ארום איז אריין דער טעלעגראפיסט פון שטעטעל מיר מעלדען וועגען דעם שרעקליכען אומגליק וואס איז געשעהן.

בערלין, 12 (ספ. טעל.) אין דער פאסישע צייטונג איז אפגעדרוקט א נאטיץ פון בעקאנטען דייטשען שריפטשטעלער עמיל לודוויג. מיט עט־ליכע טעג צוריק — דערצעהלט עמיל לודוויג — האב איך זיך געטראפען מיט'ן אומגעקומענעם ענג־לישען לופט־פליה מיניסטער לארד טאמסאן אין אן ענגלישען קלוב. — מיר האבען גערעדט וועגען קריג, ביים געזעגענען זיך האט לארד טאמסאן געזאגט: די צווייטע וואך פליה איך קיין אינדיען. דארט פער־בלייב איך עטליכע טעג, כ'וועל זיין צוויי טעג ביים וויצע־קעניג און דעם 25 אקטאבער מוז איך שוין צוריק זיין אין לאנדאן.

איך האב איהם געפרעגט וועגען דער רייזע פון „גראף־צעפעלין" — דערויף האט ער גע־זאגט: דר. עקענער איז א וואונדערליכער מענש. נישט לאנג האב איך זיך מיט איהם בעקענט דא אין לאנדאן, ער איז נישט נאר א טעכניקער, נאר אויך א ריכטער. איך האב איהם געפרעגט, וואס פילט ער ווען ער פליהט בעת א שטורם אונטער די וואלקענס.

— א, דאס איז וואונדערבאר, — האט אויס־גערופען עקענער. ר' פילסט זיך ווי אין א גרוי־סען טעמפעל!

אט ווי אין א גרויסען טעמפעל איז אומגעקר־מען לארד טאמסאן.

אין אמעריקא שרעקט מען זיך נישט אפ

לאנדאן, 12 (ספ. טעל.) די לופט־שיף „אמע־ריקאנער לעגיאן" מיט צוויי לופט־פליהער אלס פאסאזשירען איז נעכטען ארויסגעפלויגען קיין ניו־יארק אויף א נייער רייזע איבערן אטלאנטיק. די פלופט־פליהער פערנעמען זיך נאכ'ן אנקומען קיין איי־ראפע ארומפליהען דעם קאנטינענט און פערנעמען די רייזע אין קאנסטאנטינאפאל.

די לופט־שיף פיהרט מיט זיך 3000 ליטער ברענ־מאטעריאל.

וואשינגטאן, 12 (ספ. טעל.) די קאטאס־טראפע מיט'ן ענגלישען לופט־שיף „ר. 101" האט געמאכט א שווערען רושם אין דער גאנצער וועלט. אבער דער בעשלוס פון פלאט־דעפארטאמענט ווי־גען בויען צוויי נייע גרויסע לופט־שיפען וועט צוליב דער קאטאסטראפע נישט געענדערט ווערען.

פראנקרייך מוז זיך בעוואפענען

רעדע פון העריא אויפ'ן קאנגרעס פון די ראדיקאלען

פאריז, 12 (ספ. טעל.) אויפן קאנגרעס פון די ראדיקאלען און ראדיקאל־סאציאליסטען האט דער נעוו. פרעמיער העריא געהאלטען א גרויסע רעדע, אין וועלכער ער האט אויסגעפיהרט, אז פראנק־רייך מוז זיך וואס שטארקער בעוואפענען.

„פערטיידיגענדיג זיך, האט העריא געזאגט, פערטיידיגט פראנקרייך דערמיט די פרייהייט פון אייראפא.

דער קאנגרעס האט אנגענומען א קאמפ־ראמיס־רעזאלוציע, וועלכע זאגט זיך ארויס סיי פאר פרידענס־ארבייט, סיי פאר דער נויטווענדיגקייט צו פערטיידיגען פראנקרייך פאר אנ'עווענטועלען אנ־פאל פון וועלכער ס'איז זייט.

דער מחבר קאן נישט קומען,

ווייל... ער איז דערשאסען

מאסקווע, 12. (ספ. טעל.) דא איז פארגע־קומען די פרעמיערע פון צוויי פיעסען, אין וועלכע דער מחבר טאדעלט שארף דעם בורזשואזען גייסט און טרעשארויס געגען די סאבאטאזש־אקטען.

דאס פובליקום האט הייס אפלאדירט און האט שטורמיש געפאדערט, עס זאל ארויף אויף דער ביהנע דער מחבר פון די פיעסען, אבער דער מחבר האט זיך נישט בעוויזען.

שפעטער האט זיך ארויסגעשטעלט, אז דער מחבר, דער דיכטער רובינשטיין, איז מיט א קורצע צייט צוריק דערשאסען געווארען אינאיינעם מיט נאך 47 מאן, וועלכע זענען פעראורטיילט געווארען דורך דער ג.פ.או. פאר סאבאטאזש.

100 מיליאן ליר שאדענס

פון א שרפה אין מיליטערישע מאגאזינען

ארעסטירט 300 פערזאן

בעלגראד, 12. (ספ. טעל.) אין קראינא נעבען דער איטאליעניש־יוגאסלאווישער גרעניץ איז אויסגעבראכען א גרויסע שרפה אין די מיליטערישע מאגאזינען, עס זענען אפגעברענט געווארען ריזיגע זאפאסען תבואה און מיליטערישע מאטעריאלען. די זעלנער, וואס האבען זיך דארט געפונען, האבען זיך קוים אפגעראטעוועט. די שאדענס ווערען בע־רעכענט אויף 100 מיליאן ליר.

די איטאליענישע מאכט האלט, אז די מאגאזינען זענען אונטערגעצונדען געווארען דורך סלאווענישע סעפאראטיסטען, די סלאווענער לייקענען דאס אפ. עס זענען ארעסטירט געווארען 300 פערזאן.

ס'איז ביטער אויפן וואל־סטריט

ניו־יארק, 11 (טו) די בלעטער בעריכטען פון אַל עטיילען פון לאנד וועגע זעלבסטמארדען פון וואל־סטריט ־ ספעקולאנטען, וועלכע האבען אין די לעצטע טעג פערלאָרען זייערע גרויסע תקוות.

הלואי אויף אונז געזאגט...

ניו־יארק, 12 (ספ. טעל.) דער ניו־יארקער בודזשעט אויפ'ן 1931 י. בעטרעפט 635 מיליאן דאלאר.

ארעסטען צווישן אנגעשטעלטע

אין סאוויעט־רוסלאנד

ריגע, 12 (ספ. טעל.) „קראסנאיא גאזע־טע" איז כ'די'ע, אז אין סאראטאוו זענען ארעסטירט געווארען זעכציג אנגעשטעלטע אין האנדעלס־און קאאפעראטיווע אנשטאלטן. זיי ווערען בעשולדיגט אז זיי האבען פערקויפט סחורות פון קאאפעראטי־ווען און מלוכה־לאגערען פאר פריוואטע פערזאנען.

9-יאהריק יונגעל אלס בעשיצער

פון זיין פאמיליען־עהרע

בעלגראד, 12 (ספ. טעל.) אין א דערפעל צווישען די אלבאנישע בערג האט א ניין־יאהריג יונגעל דערשאסען פון א ביקס זיין מוטער. בעת זי איז ארוים פון הויז פון איהר געליבטען. דאס יונגעל איז דערנאך אוועק אין פאליציי און געמעלדעט, אז ער האט געמוזט דערשיסען זיין מוטער, כדי צו ראטעווען דעם כבוד פון זיין פאמיליע.

שארפער סכסוך

אין דער דייטשער מעטאל־אינדוסטרי

בערלין, 12 (ספ. טעל.) דער שידס־ריכטער וואס איז בעשטימט געווארען דורכ'ן ארבייטס־מיניס־טער, האט ארויסגעטראגען א פסק אינ'ם סכסוך צווישען די מעטאלורגישע ארבייטער מיט די אינ־דוסטריעלער.

דער שידס־ריכטער שלאגט פאר צו פערקלע־נערן די לוינען מיט 8 פראצענט. צי וועלען די צדדים בפרט די ארבייטער־פעראיינען אנגעהמען דעם פסק איז שווער צו זאגען. די ארבייטער האבען געהאט ערקלערט, אז זיי וועלען אפילו נישט בעטראכטען די פראגע וועגען פערקלענערען די לוינען; פון דער אנדערער זייט, האבען די אינדוסטריעלער פונקט אזוי קאטעגאריש ערקלערט אז די לוינען מוזען פערקלענערט ווערען אויף 15 פראצ. און אז זיי וועלען אין דער הינזיכט נישט איינגעהען אויף קיין שום קאמפראמיסען.

ווייז איז מעהר — ווי אויך — אלערליי געטראנקען גוט און ביליג
„בארווין"
קויפט מען נור ביי דער בעוואוסטער פירמע „

אינהאבער מענדל בארנשטיין
לאדז, נאוואמיעסקא 30
טעלעפאן 58־210
דירעקטאר אימפארט פון ארץ־ישראל
היט אייך פאר פאלסיפיקאטען!

„מיר פאהרען פון אייך אוועק פערליבט אין אייך״

געזעגענונגס-בריף פון דער אמעריקאנער ארבייטער-דעלעגאציע ביים אפפאהרען פון ארץ-ישראל

תל-אביב, צום אלוועלטליכען קאנגרעס פון ארבייטער־קאנגרעס פאר א״י איז פון אמעריקע ארויסגעפאהרען א דעלעגאציע, וועלכע האט אויך בעזוכט א״י און האט דארט פערבראכט א פאר וואכען.

פערלאזענדיג א״י האט די דעלעגאציע פער עפענטליכט א בריף צו די א״י־ארבייטער און וועל כען זיי שרייבען:

טייערע חברים!

ביי דעם אפפאהר פון אזא סארט בעזוך ווי מיר האבען ביי אייך געמאכט, וואלט זיך זעהר וועלען זא־ גען נישט נאר א הארציגען „זייט געזונט״ נאר אויך א פאסיגעןווארט, וואס זאל אויסדריקען די גע־ פיהלען, וואס האבען זיך ביי אונז אנגעקליבען אין די פיר וואכען צייט. געפינען מיר אבער ליידער נישט דעם ריכטיגען ווארט, וואס זאל טון גערעכטיגקייט צו אונזער טיעף־געפיהרטער שטימונג.

איהר האט דעם גליק צו זאגען „אני באתי ארצה לבנות ולהבנות בה״, מיר קענען דאס ליידער נישט זאגען, מיר קענען נאר א בערנ־שטער ווען צו אדם ווארט און זאגען: „געקומען, געזע־ הען, בעגייסט געווארען״.

בעזיגט געווארען דערפאר, וואס זוי פריינדליך מיר זענען צו אייך געווען געשטימט אין זוי שטארק מיר האבען בעוואונדערט אייער ארבייט פארער־ ווייטענס, האבען מיר נאר געקענט אפשאצען א״ער אויפבוי, אייערע מעגליכקייטען האבען מיר נישט גע־ קענט ריכטיג אפשאצען ביז מיר האבען געשטעלט צו דינסט אונזערע אויגען און אונזערע אויערען און ביז מיר האבען דורכגעלעבט צוזאמען מיט אייערע טייערע די געמיינשאפטליכע מאמענטען פון עקס־ טאז ביי די עפענטליכע און נישט־עפענטליכע בע־ געגענישען.

עס געפעלט אונז שטארק אייער פערנעהם דער אויסלייג פון אייער ארבייט, מיר זעהען א פלאן אין אייער ארבייט, מיר זעהען די האנט פון אן ארכיטעקט ווען אפילו עס זענען נאך דא א סך לעכער אין דעם בנין ווי איינער פון אייערע האט זיך אויסגעדריקט: עס געפעלט אונז געוואלדיג אייער מענשען־מאטעריאל, ווייל ער האט דעם כוח צו טון אזויפיל וואכער גע ארבייט און אריינפרעגנגען אזויפיל

יום־טוב׳דיגען גייסט אין דער ארבייט

עס געפעלט אונז אייער פשוטע און נישט גע־ קינסטעלטער מוט. איהר האט דאך ערשט דורכ־ געלעבט אזא מורא׳דיגען מאמענט און אנשטאט די שווערע זיפצען, וואס מען פלעגט אמאל ביי יודען הערען נאך אזא געשעהעניש, הערט מען ביי אייך א ליד און מען זעהט ביי אייך דעם טאנץ, וואס גיט דעם פערשפרעכען פון ערפאלג.

מיר וואלטען אייך אט די שיינע אמת׳ן נישט געזאגט,, ווען מיר וואלטען מורא געהאט, אז איהר וועט זיך אנהויבען א בערנעהמען. מיר זאגען אייך אפענהערציג און נישט צוריקגעהאלטען דעם אמת ווייל מיר האבען צווישען אייך געפונען א סך מענ־ שען ,מיט א פעהיגקייט אפצוגעבען זיך אליין חשבון הנפש, און איהר זייט זיכער געקומען צו דעם שלום צו וועלכען אנדערע זענען געקומען פאר א״י.

טראגט אייער פלאנמעסיגקייט און טראגט אייער גרויסען מוט האט איהר פאר זיך א ריזיגע פארנ מיט ארבייט, וועלכע נישט איהר קענט אליין טון און נישט איהר זייט מחוייב אליין צו טון. דאס איז אן ארבייט פאר׳ן גאנצען יודישען פאלק און פאר די בעסטע קינדער פון אנדערע פעלקער. מען דארף נאך אבער אלץ וועקען דעם יודישען פאלק צו זיין פליכט און דעם געוויסען פון די פעלקער צו א ־ שערדיגער בעציהונג צום יוד׳ישען פאלק.

די צוויי אויפגאבען בלייבען פאר די בעסערע יודען מחוץ לארץ, אויב מיר וועלען די צוויי פליכטען ריכטיג ערפילען וועלען מיר קענען זיצען ביי דער גרויסער סעודה מיט אייך צוזאמען מיט א קלארען געוויסען.

זייט־זשע געזונט טייערע חברים, און וויסט, אז מיר פאהרען פון אייך אוועק פערליבט אין אייך נישט נאר צוליב אייערע אויפטוען, צוליב אייער גרויסען פערנעם און צוליב אייער הערליכען מוט, נאר אויך דערפאר ווייל איהר זייט פערליבט אין ארץ־ישראל און אין אייער ארבייט.

די גאנצע וועלט האט ליב פערליבטע מענ־ שען, דערפאר האבען מיר אייך ליב.

א. י. שיפלאקאף,
אייזיק האמלין,
כ. פיינסטאון.

שרעקליכער אויפרייס אין אן אמוניציע-פאבריק

א שרעקליכע עקספלאזיע איז פארגעקומען אין דער פראנצויזישער פולווער-פאבריק אין אבו, ביי נאנס 14 ארבייטער זענען אומגעקומען.

דייטשלאנד בעקומט א הלואה פון 125 מיליאן דאלאר

בערלין, 12 (ספ. טעל.) ווי בעקאנט בע־ מיהט זיך, איצט די דייטשע רעגירונג וועגען א קורץ־טערמיניגער הלואה אין פראנקרייך. די פראנ צויזישע פינאנץ־קרייזען זענען מסכים, אז די הלואה פאר דייטשלאנד זאל ערטיילען דער אינטערנאציא־ נאלער באנק דורך דער פערמיטלונג פון כ... רייך בתנאי, אז אין דייטשלאנד זאל ווייטער פערבלייבען אלס אויסערן־מיניסטער — קורציוס.

אהן דעם קרעדיט איז דער קאנצלער נישט בכוח אדורכצופיהרען זיין רעגירונגס־פראגראם און די דימיסיע פון קורציוסען וואלט אויף אזא אופן מיטגעשלעפט די דימיסיע פונ׳ם גאנצען קאבינעט.

ערשט נאכדעם ווי קאנצלער ברינינג האט גע־ דראהט דעם פיהרער פון דער פאלקס־פארטיי מיט דער דימיסיע פון גאנצען קאבינעט, האט די פאלקס־ פארטיי בעשלאסען נישט צוריקצוציהען מיניסטער קורציוס פון זיין אמט.

בערלין, 12 (ספ. טעל.) „בערזען־קוריער״ טיילט מיט, אז די אונטערהאנדלונגען פון דער דייט־ טשער רעגירונג וועגען א הלואה פון 125 מיליאן דאלאר זענען גינסטיג פערענדיגט געווארען. די הלואה ווערט געגעבען אויף 2 יאהר, כדי צו דעקען דעם בודזשעט־דעפיציט און ווערט פערצינזט אויף 4 מיט דריי־פירטעל פראצ. און 1 מיט א פירטעל פראצ. פאר פראוויזיע.

די הלואה קען אויסגעצאהלט ווערען אין האלב יאהריגע ראטעס פאר׳ן טערמין. די הלואה וועט אויסגעצאהלט ווערען דייטשלאנד נאכדעם ווי דער רייכסטאג וועט אננעהמען א געזעץ וועגען שאפען א ספעציעלען אמארטיזאציע־פאנד.

קאטאסטראפאלע לאגע אין קאלינינדארף

ריגא, 12 (ספ. טעל.) דער קארעספאנדענט פון „אמת״ שרייבט: די לאגע אין קאלינינדארף איז א קאטאסטראפאלע. דאס ערקלערט זיך דער־ מיט, וואס די תבואה פון די פעלדער איז צו שפעט אפגעשניטען געווארען. דאס דערקלערט זיך דער־ מיט וואס די תבואה פון די פעלדער איז צו שפעט אפגעשניטען געווארען. דאס דערקלעהרט זיך מיטן מאנגעל אין ארגאניזאציע אינ׳ם דארפס פלאן.

די אפגעשניטענע תבואה ליגט אויף די פעלדער פון ווערט פערפוילט און די פרויען און קינדער פון די קאלאניסטען געהען ארום ליידיג און נעמען נישט קיין שום אנטייל אין דער ארבייט.

יודישע קהלה אין קורלאנד

צוריקבעקומען איהר בית-המדרש, וואס איז שוין אלט 300 יאהר

צום זכר פון אמאליגען יודישען געטא אין קורלאנד איז אין שטעטעל בויסק געבליבען אנ־ אמאליגע „סלאבאדע״, וועלכע מען רופט היינט „רויט־הויף״. אין דעם דאזיגען ווינקעלע האבען די אמאליגע „מאגנאטען״ בעוויליגט אויפצוהאלטען די יודען, פון וואנען ס׳האט זיך אנגעהויבען צו בילדען דער יודישער קיבוץ אין בויסק, מיט אנ־ ערך 300 יאהר צוריק איז דארט אויסגעבויט געווא רען מיט יודיש געלד דער צווייטער בית המדרש און בית־עלמין, אין וועלכען מען האט געדאווענט ביז דער מלחמה.

לעצטענס, אז די גרעפין פון „צאדערגער הויף״ איז אפגעשטארבען, איז געקומען א געוויסער פא־ ליאק איוואנאווסקי מיט דאקומענטען, אז די גרעפין האט איהם דעם „רויט־הויף״ פערקויפט ובתוכם אויך דעם בית־המדרש און בית־עלמין. דער קריסט האט אנגעהויבען גלייך צו באלעבאטעווען, דעם בית המדרש אראפצורייסען און אויפ׳ן בית־עולם ארויפ־ צולאזען בהמות. די בויסקער קהלה האט פערפיהרט געגען איוואנאווסקין א פראצעס. דער פראצעס פיהרט זיך שוין מעהרערע יאהרען. אונטער דער צייט האט דער קריסט דעם גאנצען שטח פער־ קויפט. דער בויסקער קרייז־פערוואלטונג, אזוי ארום האט זיך דער פראצעס לעצטענס געפיהרט געגע־ דער ארטיגער קרייז־פערוואלטונג.

דעם פערגאנגענעם יום־כפור איז דער פראצעס פארגעקומען אין מיטוי און א דאנק דער ענערגי־ שער ארבייט פון ארטיגען רב הרב סטול מיט איי־ ניגע בעלי־בתים פון שטאט, האט די יודישע גע־ מיינדע געוואונען דעם פראצעס.

דארפישע פראטעסטען
(מיט און אהנע פראטעסט)
ווערען שנעל און פינקטליך איינקאסירט
דורך די איבער״ל בעקאנטע ביטשריפט-ביורא
„POLPRAW״
נארוטאוויטשא 1, טעל. 170-01
די אינקאסא פון פראטעסטען ווערט ערלעדיגט מיט שנעלע פערבינדונג מיט א סטאמפער.

די ענדערונג אויפ׳ן אמט

פון פרעזעס פון דער העכסטער קאנטראל-קאמער

וועגען דער דימיסיע פון פרעזעס פון דער העכסטער קאנטראל־קאמער פראפ. ווראבלעווסקי און בעשטימען אויף זיין ארט דעם גענעראל קשעמינסקי שרייבט דער „ראבאטניק״:

.... נעבען דעם קאמף מיט די בודזשעט־רעכט פון סיים האט זיך געמוזט צופלאקערען אויך דער קאמף מיט דער העכסטער קאנטראל־ קאמער. דער קאמף מיט׳ן סיים האט געמוזט ברענגען צום קאמף מיט דער העכסטער קאנטראל־קאמער, ווייל די רעכט פון דער קאמער זענען שטרענג אפהענגיג פון די רעכט פון סיים און פערקעהרט. דער אטענטאט אויף די בודזשעט־רעכט פון סיים האט געמוזט ברענגען צו אן אטענטאט אויף די רעכט פון דער קאנטראל־ קאמער.

„און דער אטענטאט איז געמאכט געווארען אזוי ווי די העכסטע קאנטראל־קאמער שטיצט זיך אויף קאלעגיאלע יסודות, דאס הייסט, אז איהרע בעשלוסען ווערען אנגענומען דורכ׳ן פרעזידיום און די דירעקטארען פון די דעפארטאמענטען, דאר־ פען אין די נאהענטסטע טעג פארקומען ענדערונגען אויף די פאסטענס פון די העכערע בעאמטע, ערשט דעמאלט וואלט די העכסטע קאנטראל־קאמער געווען איינגאנצען אין די הענד פון דער רעגירונג און מ׳וועט קאנען צוטרעטען צו בעגרעניצען איהרע רעכט אין גייסט פון די „בודזשעט־לויזען״, ד. ה. אויפהערען צו אונטערזוכען די צוועקמעסיגקייט פון די אויסגאבען...

„בלויז דער סיים קאן מאכען א סוף צו דער דאזיגער פערניכטונגס־ארבייט און מיט א מעהרהייט פון 3 פופטעל שטימען אראפווארפען די נייע מאכט פון דער העכסטער קאנטראל־קאמער, אויך נישט דערלאזען צו אזעלכע ענדערונגען פון דער קאנסטי־ טוציע, וואס זאל פערקלענערען די בידאיצטיגע רעכט פון דער קאמער״.

1-טער קלאנג-פילם-קינא-טעאטער אין לאדז
„SPLENDID״ נארוטאוויטשא 20
היינט פרעמיערע! RIO RITA
דאס גרעסטע מייסטערווערק פון דער פילם-טעכניק, וואס איבערצייגט, אז די קלאנג-ערפינדונג האט ריכטיג זיך דער־ ווארבען די אנערקענונג פון פובליקום
היינט פרעמיערע! RIO RITA
RIO RITA
וואונדערליך נעזאנג פון ליבע און אפפערונג.
די וואונ־ דערשעהנע Bebe Daniels קרעאירט די הויפטראלע פיל מיט טעמפעראמענט.
John Boles דער אונפערגלייכ־ ליכער פילם העלד
די שעהנסטע מעלאדיעס. / גלענצענדע אויסשטאטונג. / הארמאניע פון נאטירליכע פארבען.
באלעט פון 100 געשיקטע גירלס.
אנהויב 6, 8 און 10 אווענד. שבת, זונטאג און יום-טוב 4, 6, 8, 10 אוו. ∴ הנחה-בילעטען אונגילטיג

היינט עפענונג פון רייכסטאג

דעמאנסטראטיווע פארשלאגען פון די קאמוניסטען

בערלין, 12 (ספ. טעל.) מאָרגן. (היינט, מאָנטאַג,) קומט זיך צונויף אויף דער ערשטער זי־צונג דער ניי־געוועהלטער דייטשער רייכסטאָג.

די קאָמוניסטישע פראַקציע האָט באַשלאָסן אַריינצוטראָגן 4 דעמאָנסטראַטיווע פאָרשלאָגן. ערשטענס, אַ פאָרשלאָג אויסצודריקן אומצוטרוי, דער רעגירונג פון קאַנצלער בריניננג, צווייטענס — תיכף זיך אָפּצואָגען פון די צאָהלונגען, וואָס זענען אַרויפגעלעגט געוואָרען אויף דייטשלאַנד דורכ'ן יאָנג־פּלאַן. די לעצטע צוויי פאָרשלאָגען זענען נוגע די אָפּ־שאַפונג פון די אומגערופענע „נויט־פאַראָרדנונגען", אָפּשאַפונג פון דער פאַראָרדנונג, לויט וועלכער עס זענען אויפגעלעזט געוואָרען די אָרגאַניזאַציעס פון קאָמוניסטישע פראָנט־קעמפער און אַנטי־פאַשיסטי־שער יוגענד.

מ'ערוואַרט, אַז די זיצונג זאָל זיין זעהר אַ שטור־מישע. די היטלעראַווצעס האָבען צוגעזאָגט צו קו־מען מיט האַקענקרייצען, די קאָמוניסטען װעלען רער־ריבער קומען אין באָלשעוויסטישע בלוזעס. שטור־מיש, ערוואַרט מען, וועט זיין די וואַהל פון פרעז־זידיום.

בעגאנגען זעלבסטמארד

אויס מורא פאר'ן פראצעס צוליב פערגוואלדיגונג

גראָדנע. מיט אַ צייט צוריק האָט די פּראָ־קוראַטור צוגעצויגען צו געריכטליכער פעראַנטוואָרט־ליכקייט דעם 60־יאָהריגען וואָזשני פון גראָדנער קרייז־געריכט קאַמאַר, געגען וועלכען ס'איז אַרויס־געדרוקט געוואָרען אַ שווערע בעשולדיגונג, אַז מיט עטליכע יאָהר צוריק האָט ער פערגוואַלדיגט אַ 9־יאָהריג מיידעלע, וואָס איז ביי איהם געוועזן אויף ערציהונג, און פון יענער צייט אָן ביז איצט איז ער מיט איהר געשטאַנען אין אינטימע בעציהונגען, דערביי האָט זיין ווייב דערפון געוואוסט און איהם אפילו מיטגעהאָלפען צו האַלטען דאָס מיידעלע אין מורא.

די געשיכטע איז ענטדעקט געוואָרען דורכדעם, וואָס דאָס מיידעל האָט זיך ענדליך בעקלאָגט פאַר איהר עלטערער שוועסטער, וועלכע האָט וועגען דעם געמאָלדען דער פראָקוראַטור.

דער אלטער קאַמאַר האָט זיך, ווייזט אויס, שטאַרק גענומען צום האַרצען די געשיכטע, און הגם מען האָט איהם ביז'ן פראָצעס אַרויסגעלאָזען אויף דער פריי, דאָך איז ער לעצטענס אַרומגעגאַנגען זעהר מרה־שחורהדיג.

שבת איז ער בעלם געוואָרען פון הויז און אַזוי ווי ער איז ביז מאָנטאָג נישט צוריקגעקומען האָט מען איהם אָנגעהויבען זוכען און מ'האָט איהם גע־פונען אָנ'אויפגעהאָנגענעם אין וועלדעל „סעקרעט" אויף אַ צווייג פון אַ בוים.

אויף דער ערד האָט זיך געוואַלגערט אַ פלאַש מיט ברען־שפּריט, א קעסטעל שוועבעלעך און עט־ליכע קאַרעקס פון פּאַפּיראָסען; אין קעשענע פון רעקעל איז אין א פאָרספעל געלעגען 170 זלאָטעס און פערציג גראָשען.

דעם זעלבסטמארד איז דער אומגליקליכער, ווייזט אויס, בעגאנגען שבת; לכתחילה האָט ער, משמעות, געפּרובט זיך פערסמען מיט ברען־שפּירט אָבער נאָכדעם ווי ער האָט עס אויסגעטרונקען האָט ער, ווייזט אויס. געצווייפעלט צי ידער סם וועט ווירקען, און ער האָט זיך אויפגעהאָנגען.

דער אלטער 60־יאָהריגער קאַמאַר האָט זיך אַזוי אַרום געגעבען די העכסטע שטראָף פאַר דעם פערברעכען אין וועלכען ער איז געווען בעשולדיגט.

איבּיגע טורמע פאר'ן מערדער פון ש. זיסקינד

ווילנא. (טעלעפאניש). דאָס ווילנער קרייז־געריכט האָט אויף זיין אַרויספאָהר־סעסיע קיין אשמע־נע בעטראַכט דעם סענסאַציאָנעלען פּראָצעס פון פּיאָטר סאַדאָווסקי, וועלכער האָט אין אויגוסט אויס־געפיהרט נישט־ווייט פון אָשמענע דעם בלוטיגען רויב־אָנפאַל אויף די דריי אָלשאַנער יודישע סוחרים פּאָטער און ברידער זיסקינד.

דער אָנפאַלער האָט אָפּגעהיט די דריי סוחרים אין וואַלד נישט ווייט פון גוט אָסיביוקאַ, פינף קי־לאָמעטער פון אָשמענע.

זיסקינד מיט זיינע צוויי זיהן האָבען זיך צוריק בעקעהרט מיט אַ פוהר פון אָשמענע קיין האָלשאַן אויפ'ן מאַרק.

נישט ווייט פון דערמאָהנטען גוט איז פון הינטער די ביימער פלוצלונג אַרויסגעשפּרונגען אַ פערמאַסקירטער באַנדיט און אויפגעפאָדערט די סוח־רים, זיי זאָלען איהם געבען געלד.

איינער פון די סוחרים דער 28־יאָהריגער שמואל זיסקינד האָט זיך נישט פערלוירען און גע־פּרובט דעם באַנדיט ענטוואָפענען. דער לעצטער האָט דאַן אויסגעשאָסען אין זיסקינדען צוויי מאָל און פערוואונדעט איהם אין ברוסט.

אין דעם מאָמענט זענען די איבעריגע צוויי סוחרים בעפאלען דעם באַנדיט זיי האָבען איהם ענטוואָפענט און איבערגעגעבען אין די הענד פון פּאָליציי.

דער פערוואונדעטער סוחר שמואל זיסקינד איז אָפּגעפיהרט געוואָרען אין אָשמענער שטאָטישען שפּיטאָל, וואו ער איז אין צוויי טעג אַרום געשטאָר־בען פון די בעקומענע וואונדען.

דער בלוטיגער רוצח פּיאָטר סאַדאָווסקי איז נעכטען געמשפּט געוואָרען דורך דער אַרויסגעפאָהר־סעסיע פון ווילנער קרייז־געריכט.

דער פּראָצעס האָט אַרויסגערופען אין אָשמענע אַ סענסאַציע און דער געריכטס־זאַל איז געווען פול בעפּאַקט.

א שטאַרקען רושם האָט געמאַכט אויף די אַנ־וועזענדע דאָס עדות־זאָגען פון אַלטען זיסקינד דעם דערמאָרדעטענס פּאָטער, וועלכער האָט זיך פלוצלונג פונאַנדערגעוויינט אויפ'ן קול און ס'איז איהם קוים געלונגען צו בערוהיגען.

דער מערדער האָט זיך געהאַלטען חוצפּהדיג און האָט געלייקענט שטיין און ביין.

דער פּראָקוראָר האָט געפאָדערט פאַר'ן מער־דער טויט־שטראָף.

נאָך אַ לענגערער בעראַטונג האָט דאָס געריכט פערמשפּט דעם מערדער פּיאָטר סאַדאָווסקי אויף איביגע שווערע תפיסה.

די בערוהיגונג פון מזרח-גאליציע

פראטעסט פון ד"ר פעטרושעוויטש

מיר האָבען שוין נעכטען מיטגעטיילט, אַז אויף אַ קאָנפערענץ אין אינערן־מיניסטעריום איז ער־קלערט געוואָרען פאַר די פאָרשטעהער פון דער אויסלענדישער פּרעסע, אַז מזרח־גאַליציען איז שוין אינגאַנצען פּאַציפיצירט, ד. ה. בערוהיגט. וועגען דער ראָזיגער פּאַציפיקאַציע שרייבט דער „ראַבאָט־ניק":

„אַזאַ אָנשטרענגונג אין די פּוילישע אוקראַא־נישע בעציהונגען איז נאָך קיינמאָל נישט געווען. די סאַנאַציע רעאַליזירט דאָס, וואָס איז אפשר גע־ווען דער טיפסטער וואונש פון דער ענדעציע, דער־פון נעהמט זיך אָט דער אייגהייטליכער סאַנאַטאָריש־ענדעקישער פראָנט לגבי די אוקראַאינער, און דערביי די נישט קליינע צופרידענהייט פון דער ענדעציע וואָס זי טוט עס נישט מיט די אייגענע הענד און אויפ'ן אייגענעם חשבון.

„מ'האָט דאָס עלענדע אָנגערופען „פּאַציפי־קאַציע". דאָס ראָזיגע וואָרט וואָס האָט היינט נישט אין פּוילען קיין ממשות'דיגע בעדייטונג, א בענעפּ, וואָס ליגט אין דער ספּעציעל פון רוסישען. האָט א דאַנק דעם הער סקלאַדקאָווסקי ענדליך געפונען אַ אָנווענדונג. אויב מ'קאָן נישט פּאַציפיצירען גאַנץ פּוילען, סאַ זאָל זיין לכל הפּחות מזרח גאַליציע. אָל־זאָ פּאַציפיקאַציע מיט דער הילף פון פּאָליציי און מיליטער. דאָכט זיך אַ גענוג; א בערייטווילגער אָ־נומענט וועגען דער ווירקזאַמקייט פון די פּאַציפי־קאַציע בעמיהונגען.

„פּאָליציי און מיליטער אַלס פאַקטאָר פון פּאַר־ציפיקאַציע דאָס איז אַ דאָקומענט פאַר די מעטאָ־דען, וועלכע ווערען היינט צו טאָג אין פּוילען אָנגע־ווענדעט אָבער דאָס וועט ראַק דעם ענין נישט ער־לעדיגען. דאָס אוקראַאינישע פּראָבלעם איז צו ערנסט, אַז עס זאָל קאָנען געלעזט ווערען דורך פּאָליציי'איש מיליטערישע אָפּטיילונגען.

„מ'דאַרף קעמפען מיט דער אוקראַאינישער מי־ליטערישער אָרגאַניזאַציע, ליקווידירען איהרע תש־פּעות, אָבער זאָל דער ראָזיגער קאַמף נישט בילדערען קיין שאַרף, וואָס איז געווענדט געגען דער אוקרי־נישער בעפעלקערונג!"

* * *

בערלין, 12 (ספּ. טעל.) די בערלינער פּריי־סע ציטירט דעם פּראָטעסט פון דעם „אוקראַא־נישען נאַציאָנאַלען ראַט מיט ד"ר פּעטרושעוויטש גע־געג דער פּאַציפיקאַציע־אַקציע אין מזרח־גאַליציע. דער פּראָטעסט איז געווענדט צום פעלקער־בונד ד"ר פּעטרושעוויטש בעט דער פעלקערבונד צו זיך־קען אויף דער פּוילישער רעגירונג, וועלכע זאָל האָר־בען אָנגעווענדט אין מזרח־גאַליציען מעטאָדען פון אַ „מיליטערישער אָקופּאַציע".

ש. ל. ציטראן / צו זיין 70-יעהריגען יובילעי

דער בעקאַנטער יודישער שריפטשטעלער און זשורנאַליסט, מחבר פון א רייה אויסגע־צייכענטע היסטאָרישע מאָנאָגראַפיעס, ש. ל. ציטראָן, פייערט איצט זיין 70־יעהריגען יובילעי.

שמואל־לייב ציטראָן איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1860, אין מינסקי, אין אַ סוחרישער פאַ־מיליע, פון 4 יאָהר ביז 6 געלערענט אין חדר, מעהר אָבער קיינמאָל אין אַ חדר נישט געגאַנגען, וויל זיין פאָטער האָט זיין גערעטען קינד נישט געוואָלט אָנטרויען צו מלמדים און מיט איהם אַליין געלערענט. צו צעהן יאָהר איז דער פאָטער געשטאָר־בען און אין משך פון דריי יאָהר האָט ציטראָן אַרומגעוואַנדערט איבער די ישיבות פון מינסקי, גובא און פון אנדערע שטעטלעך., דאַן אַריין אין דער וואָלאָזשינער ישיבה, געווען דער יונגסטער צווישען די דריי הונדערט תלמידים, דאָרט אָנגע־הויבען בגנבה צו לייענען העברעאישע ביכלעך. צו־ליב דעם געמוזט שפּעטער פערלאָזען וואָלאָזשין און גענומען וואַנדערן וועגען אַ תכלית.

נאָך אין דער ישיבה זייענדיג, האָט ער קאָ־רעספּאָנדירט מיט פּרץ סמאָלענסקין און זיין אידע־אַל איז געוואָרען צו בעקענען זיך פּערזענליך מיט'ן רעדאַקטאָר פון „השחר". האָט ער אויף זיין עצה אין משך פון ווינטער 1876 זיך צוגעגרייט אין דייטש און באַלד נאָך פּסח אָפּגעפאָהרען קיין וויען, וואו ער האָט פערבראַכט אַ האַלב יאָהר צייט, זיך אָפט געטראָפען מיט פּרץ סמאָלענסקין. בעזאָרגט מיט רעקאָמענדאַציעס צו די גרעסטע פאָרשטעהער חכמי־ישראל, איז ער פון וויען אוועק קיין ברעסלוי אָנצוקומען אין דעם ראַבינער־סעמינאַר, אָבער צו־ליב פערשידענע סיבות געמוזט לאָזען זיין שטו־דיום. פון ברעסלוי האָט ציטראָן פערעפענטליכט זיין ערשטע קאָרעספּאָנדענץ אין העברעאיש אין „המגיד", 1877, מיט אַ יאָהר שפּעטער — זיין ערשטע דערציילונג אין סמאָלענסקינס „המביט". און ווינטער 1882 געווען אַ לעהרער אין דעם דייטשען שטעטעל פּראָסטקען, אין אייזענבאַהן־סטאַציע פון ליק, וואו ס'איז אַרויס דער „המגיד" און אַ דאַנק דעם געוואָרען אַ באַהענטער מיטאַרבייטער פון דער צייטשריפט, פערעפענטליכט דאָרט אַלע וואָך פער־

שידענע אַרטיקלען.

אין 1894 אָנגעהויבען מיטצואַרבייטען אין „המליץ". סוף 1904 האָט זיך ש. ל. ציטראָן בעזעצט אין ווילנא, וואוהין ער איז איינגעלאַדען געוואָרען אַלס אינעווייניגסטער מיטאַרבייטער פון „הזמן". זינט 1911 אין משך פון 3 יאָהר פער־עפענטליכט אין „העולם" איינע פון זיינע וויכ־טיגסטע און גרינדליכסטע אַרבייטען, די געשיכטע פון דער העברעאישער פּרעסע.

ווען דער „הזמן" האָט זיך אָפּגעשטעלט, אין יאָהר 1915 האָט זיך אָנגעהויבען אַ נייער אינ־טענסיווער פּעריאָד אין זיין ליטעראַרישער טעטיג־קייט, וועלכער איז שוין דערהויפּט פערבונדען מיט יודיש — אין משך פון די ערשטע פערציג יאָהר פון זיין ליטעראַרישער טעטיגקייט, האָט ציטראָן נאָר פון צייט צו צייט געשריבען יודיש, הגם שוין אין יאָהר 1878 האָט ער דעבוטירט אין יודיש מיט אַ פעליעטאָן „אַ טאַגעבוך פון אַ קדחתניק" אין ראָקינסאָנס „קול לעם".

אָנהויב 1904 איז ער איינגעלאַדען געוואָרען פון לעאָן ראַבינאָוויטש קיין פּעטערבורג אַלס אינעווייניגסטער מיטאַרבייטער פון דעם „טאָג", וואו ער האָט פאַר דעם האַלב יאָהר פון זיין עקזיסטענץ געשריבען לייט־אַרטיקלען, פּאָליטישע אַרטיקלען, קליינע פעליעטאָנען. ערצעהלונגען. שפּעטער האָט ער מיטגעאַרבייט דערהויפּט אונטער פּסעוודאָנימען אין די יודישע טאָג־בלעטער „די צייט", „די יו־דישע צייטונג", א.אַנד. בעת דער דייטשער אָקו־פּאַציע געווען טעטיג אַלס אינספּעקטאָר פון די יו־דישע שולען פון אַלע ריכטונגען אין ווילנע, וואָס זענען אויסגעהאַלטען געוואָרען פון אַזוי־גערופענעם „יודישען צענטראַל־קאָמיטעט".

נאָכ'ן פערנעהמען ווילנע דורך די פּאָליאַקען מיטגעאַרבייט אין דער „יודישער צייטונג", וועלכע ער האָט שפּעטער אויך רעדאַגירט. סוף 1920 גע־וואָרען אַ שטענדיגער מיטאַרבייטער פון „מאָמענט" וואו ער האָט פערעפענטליכט אויסער ליטעראַרישע און פּובליציסטישע אַרטיקלען די פאָלגענדע סער־יעס: „משומדים" און „טיפּען פון יודישע [illegible]־ניגע" (די ערשטע אַרטיקלען זענען געווען געדרוקט אין ווילנער „טאָג). „די ערשטע שוואַלבען", „שתד־לנים", „בעריהמטע יודישע פרויען". ער האָט זיך אויך בעטייליגט אין פערשידענע אַנדערע יודישע צייטונגען, זשורנאַלען און זאַמעלביכער. ווי „די יודישע וועלט", און די „נייע וועלט" אונטער דער רעדאַקציע פון ש. ניגער. „ווייטער־בוך", „פּנקס", „לעבען", ווילנער „טאָג" א. אַנד.

פון ציטראָנס אומצעהליגע אַרבייטען אין יודיש זענען אין בוכפאָרם אַרויס: „דריי ליטעראַרישע דורות" (כאַראַקטעריסטיקעס און זכרונות וועגען יודישע שריפטשטעלער), „די געשיכטע פון דער יודישער פּרעסע", „משומדים", „שתדלנים" א. א. אין די אַלע אַרבייטען צייכענט זיך ציטראָן אויס מיט זיין לייכטען סטיל, אָפט שפּאַנענדיגען, האַלב בעלעטריסטישען דערציילען.

היינט און פאָלגענדע טעג!
גרויסע פּראַכטישע דראַמע לויט דער ערצעהלונג פון געניאַלען C. Farrere
נאַכט=וואַר
טראַגעדיע פון אַן אומשולדיג פער'משפּטען אָפיציר! ראַט פון קריגס־געריכט פאַר לאַנגט טויט־שטראָף. קאַמף וועגען כבוד פון פאַטערלאַנד!
אין די הויפּטר. די בעריהמטע שטערנס BILIE DOVE i M. SUSANIN
אויסער'ן פּראָגראַם: קינסטלערישע צוגאַבע פון FLEISCHER „אונגאַרישע ראַפּסאָ־דיע" ווי אויך לאַנד־אַקטועליטעטען.
נהווב אין געוועהנליכע טעג 4.30 נאָכמיט. שבת, זונטאַג און יום־טוב 12 אַ זייגער בייטאָג.

DR. MED. H. LUBICZ
ספּ. פאַר הויט, וועענערישע און געשלעכטס־קראַנק
בעהמט ווידער אָן
אויף צעגעלניאַנאַ 43, טעל. 141-32
עמפּפאַנגס־שעה'ן 8–10, 12–2, און 5–8 זונטאַג און יו"ט 9–1. פאַר דאַמען [illegible]

הערן=שניידער=מייסטער
ר. ראָזענשטיין,
11. ליסטאָפּאַד 29, טעל. 176-80
טיילט מיט דער געעהרטער קונדשאַפט, דאָס צום ווינטער־סעזאָן ווערט די אַרבייט אויסגעפיהרט לויט דעם לעצטען סטיל פון דער מאָדע.
די מאָדערנסטע פעלצען אויף לאַגער—זעהר פּרייזווירדיג.

טרויער אין ענגלאַנד

ענגלאַנד איז איינגעהילט אין טרויער.

די קאַטאַסטראָפע מיט דער לופט־שיף „ר. 101" איז דאָרט אויפגענומען געוואָרן אַלס גרויסער נאַציאָנאַלער אומגליק, וואָס ווערט געטיילט דורך אַלעמען, אָהן אונטערשיד פון קלאַסען און ריכטונגען. דער צער האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג אין אַלע לענדער, פון וואַנען עס זענען אָנגעקומען אונצעהליגע מיטגעפיהל־אויסדרוקען.

די סטיכיע פון דער לופט, וועלכע איז שוין, ווי ס'קאָן זיך דאַכטען, בעזיגט, דערמאָהנט פון צייט צו צייט דער מענשהייט, אַז עס וועלען זיך נאָך פאָדערען פיל קרבנות ביז צו דער צייט, ווען דער מענש וועט קאָנען פייערען דעם פולען נצחון איבער דער לופט.

דער טראַגישער טויט פון עטליכע צעהנדליג מענשען אויף דער ענגלישער לופט־שיף איז אַן עפּיזאָד אין דעם גרויסען שעהנעם קאַמף פון דער מענשהייט פאַר דער אויסברייטונג פון איהר מאַכט איבער די נאַטור־כּוחות פאַר ערראָבערען דעם לופט־אָקעאַן, פאַר דעם שטרעבען פון דער מענשליכער שעפערישער טעטיגקייט אין דער הויך און אין דער ווייט. אָט פאַרוואָס די קאַטאַסטראָפע ווערט עמפּפונדען נישט נאָר אַלס נאַציאָנאַלער אומגליק פון ענגלאַנד, נאָר אַלס אַ קלאַפּ פון דער סטיכיע איבער דער גאַנצער קולטורעלער מענשהייט.

ווער איז שולדיג אין דער קאַטאַסטראָפע? איבער דעם וועלען נאַטירליך, זיך ברעכען די קעפּ ערפאַהרענע ספּעציאַליסטען, אויספאָרשענדיג אַלע אומשטענדען פון דער שרעקליכער פּאַסירונג.

אָבער ווען אַפילו עס זאָל פעסטגעשטעלט ווערען די אָדער יענע סיבּה, וואָס האָט גורם געווען דאָס גרויסע אומגליק מיט דער לופט־שיף, וועט עס פאַר דער צוקונפט לחלוטין נישט זיכערען פון נייע קאַטאַסטראָפעס. מיר פערגעסען, אַז דאָס פליהען אין דער לופט, דער טרוים פון דער מענשהייט, איז פערווירקליכט געוואָרען אָט איצט פאַר אונזערע אויגען, מיר פערגעסען, אַז מיר זענען עדות פון די ערשטע שריט פון דער לופט־ערראָבערונג. עס וועלען זיין נאָך קרבנות, און די דרייסטע ערראָבערער געהן אין קאַמף, וויסענדיג, אַז קרבנות וועלען זיין, אָבער אַז זיי זענען אויך אומפערמיידליך און פרוכטבאַר.

ב

יעדער קרבן אַזעלכער איז אַ שטויס צו נייע פערפולקומונגען, פאַר נייע אויסדרוקען פון מענשליכען שעפערישען גייסט, דאָס זענען קרבנות, וואָס יעדער פון זיי מאַכט קלענער די מעגליכקייט און וואַהרשיינליכקייט פון נייע קאַטאַסטראָפעס.

זעהר כאַראַקטעריסטיש איז דער הינזיכט אין די בעוועגונג, וואָס איז ענטשטאַנען אין אַמעריקא, אַז עס זאָל איבערגעגעבען ווערען פאַר'ן אַלגעמיינעם געברויך דער זיכערער גאַז העליום, וועלכער ווערט פראָדוצירט בלויז אין אַמעריקאַ, און איז ביז איצט געברויכט געוואָרען בלויז דורך דער אמעריקאנער אַוויאַציע.

נישט ווייניגער סימפּאַטאַטיש איז דער פאַקט, וואָס ענגלאַנד האָט איינגעלאַדען דעם בערימטען דייטשען קאָנסטרוקטאָר פון צעפּעלינען ד"ר עקענער, ער זאָל זיך בעטייליגען אין אויספאָרשען די סיבות פון דער קאַטאַסטראָפע.

די קאַטאַסטראָפע מיט'ן גרויסען דייטשען אַעראָפּלאַן, וואָס איז געשעהען כמעט גלייכצייטיג מיט דער ערשטער קאַטאַסטראָפע, און האָט געקאָסט דאָס לעבען פון 9 מענשען, האָט ווי סימבּאָליש אונטערשטראָכען די נויטווענדיגקייט פון אַ סאָלידאַרישער מיטאַרבּייט פון די פעלקער אין קאַמף מיט דער סטיכיע, קיין שום פאָלק, ווי שטאַרק עס זאָל נישט זיין, מיט זיינע ערראָבערונגען, איז נישט גאַראַנטירט פאַר אַזעלכע טראַגישע עפּיזאָדען.

גרויס איז דער צער פון די נאָהענטע און קרובים פון די אומגעקומענע, גרויס איז דער צער פון לאַנד, וואָס זיינע זיהן זענען געפאַלען קרבנות פון דער קאַטאַסטראָפע. אָבער די טרייסט ליגט אין נאָמען פון דער גרויסער אידעע פון מענשליכען קאַמף געגען דער סטיכיע.

נ.

אויף וועמען קאָנען זיך יודען אָנשפּאַרען

דער פּוילישער ליבעראַליזם און די יודען

די בעציהונג צו יודען און צו דער יודען־פראַגע אין פּוילען קאָן מען מעסטען מיט דער מאָס פון איגנאָראַנץ. בכלל ווערט דער דאָזיגער ענין וועלכער רופט זיך אָן „יודען־פראַגע" איגנאָאַנצען איגנאָרירט. ס'ווענען נאָר אויף דעם דאָזיגען געביט פערהאַן פערשידענע ניואַנסען. דער טייל פון דער פּוילישער געזעלשאַפט און פרעסע, וועלכער איז אויסגעשפּראָכען און אָפענהערציג אַנטיסעמיטיש געשטימט, איגנאָרירט יודען דורכ'ן כסדרדיגען העצען געגען זיי, דורך'ן פאָרשטעלען זיי אַלס אַ מינדערוועדיגע און נידעריגע ראַסע, דורכ'ן בעשמוצען אַלע זייערע ווערטען, וועלכע זיי האָבען ווען עס איז געשאַפען. אין דער דאָזיגער איגנאָראַנץ אין דעם דאָזיגען בעשמוצען אַלץ, וואָס איז ביי יודען הייליגע און טייער, ליגט אָבער אַ מין בעהאַלטענע מורא פאַר דער ביז צו משוגעת אויסאימאַגינירטער „יודישער" מאַכט.

אַ צווייטער טייל פון דער פּוילישער געזעלשאַפט, וועלכע איז שוין אַזוי צו זאָגען מעהר „איראָפּעאיש" געשטימט — שעהמט זיך מיט דעם אָפענעם, ציניש אַנטיסעמיטיזם. אָבער די איגנאָראַנץ לגבי יודען איז דווקא אין דעם דאָזיגען לאַגער אַ פיל גרעסערער איידער אין דעם לאַגער פון די ציניש אַנטיסעמיטען פון ענדעקיש־כאַדעקישען חדר. די לעצטע האָבען כאָטש דעם מוט צו ריידען וועגען יודען און דער יודען־פראַגע, נאַטירליך אין אַן'אונגינסטיגען זין פאַר אונז.

גאַנץ אַנדערש איז מיט דעם אַזוי־גערופענעם לאַגער פון פּוילישען „ליבעראַליזם". אויב אַזעלכער איז בכלל פערהאַן. דאָ רעדט מען זעלטען וועגען דער יודען־פראַגע, און אויב מ'בעריהרט שוין יאָ די דאָזיגע פראַגע איז עפּעס מיט אַ האַלבען מויל שעמעוודיג פונקט ווי מ'וואָלט געשמוגעלט „קאָנטראַבאַנדע". און דאָס דאָזיגע פערשווייגען די יודישע פאָדערונגען און נויטען, אָדער בעסער געזאָגט — דאָס פערשווייגען, אַז מיר לעבען בכלל אויף דער וועלט — ווערט אין אַ געוויסער מאָס בעטראַכט אַלס אַ מין פּריווילעגיע, אַלס אַ מין הנהה לגבי אונז.

אָט די דאָזיגע געדאַנקען, שווימען אַרויף יעדעס מאָל, ווען מ'בעטראַכט די תקופה פון די לעצטע פיר יאָהר, זינט דער מאַי־איבערקעהרעניש און די קאָנסעקווענצען צו וועלכע זי האָט גורם געווען פאַר אונז.

מ'האַלט אונז כסדר אין סוגעסטיאָנירען מיט דער בעהויפּטונג, אַז דער אָפיציעלער אַנטיסעמיטיזם האָט געכאַפּט אַ טויט־קלאַפּ. די דאָזיגע בעהויפּטונג ווערט איבערגעחזרט ביי יעטוועדער געלעגענהייט און זי ווערט בעזונדערס שטאַרק אונטערשטראָכען דאַן, ווען דאָס איז נויטווענדיג צו „פראַקטישע" צוועקען. מיר קענען מיט דער דאָזיגער בעהויפּטונג נאָר טיילווייז מסכים זיין. עס האָט אויפגעהערט דער אָפיציעלער אַנטיסעמיטיזם אין זיין גראָבּהויטיגער און ברוטאַלער פאָרם און דאָס איז אַלץ — דאָס הייסט אָבער לחלוטין נישט, אַז אין פּוילען איז מעהר קיין אָפיציעלער אַנטיסעמיטיזם נישט פערהאַן. די גאַנצע הנהה לגבי אונז בעשטעהט אין דעם, וואָס מען אינטערעסירט זיך בכלל נישט מיט אונז. אפשר איז אונזער מזל אַזאַ טרויעריגער אַז מאַנכע בעטראַכטען ווירקליך אַזאַ „איגנאָראַנץ־בעציהונג אַלס אַ הנהה.

אַלס קלאַסישער ביישפּיל פון די אויבענדער מאָהנטע „פּרינציפּען" קען דינען די סאַנאַציע־פּרעסע. אָנהויבענדיג פון דער וואַרשעווער, און ענדיגענדיג מיט דער פּראָווינציעלער. איהר קענט דורכבלעטערן צעהנדליגע צייטונגען פון דעם מין און איהר וועט זיך כמעט נישט אָנשטויסען אויף וועלכע ס'איז שפּורען, אַז אין פּוילען לעבען יודען.

אַ געוויסע ענדערונג אין דער דאָזיגער העכסט־אומנאָרמאַלער און נאָך מעהר אומנאַטירליכער בעציהונג איז פאָרגעקומען מיט אַ צוויי חדשים צוריק, זינט ה' טאַדעאוש האָלובקאָ, דאָס פּלוצלונג נאָכ'ן אָפּזיין פיר יאָהר אויפ'ן אַמט פון דעפּאַרטאַמענט־דירעקטאָר דערשפּירט אין זיך, גאַנץ אומדערוואַרטעט פאַר איהם גופא, גרויסע סימפּאַטיעס פאַר דער יודישער בעפעלקערונג אין פּוילען, און פון דאַן אָן האָבען זיך אויף די שפּאַלטען פון די פּוילישע צייטונגען, איבער וועלכע ז' האָלובקאָ איז אַ שטיקעל „בעל־הבית" אָנגעהויבען צו בעווייזען אַרטיקלען, עווענטועל נאָטיצען וועגען „אונז אויך". נאַטירליך, האָט דאָס בעדייט אַ בוך אין די ביז־איצטיגע טראַדיציעס אינגאַנצען צו פערשווייגען דעם דריי־מיליאָניגען יודישען קיבוץ אין פּוילען — אָבער גראַדע איז די דאָזיגע פּראַאינטעראָגירונג מיט אונז צונויפגעפאַלען מיט דער וואַהל־קאַמפּאַניע, וועלכע האָט זיך שוין אָנגעהויבען. מיר מוזען אָבער אָפענהערציג מודה זיין, אַז מיר האָבען עפּעס נישט קיין גרויסען גלויבען אין האָלובקאָ'ס פּלוצימדיגען „אידעאַליזם" לגבי אונז, ווי אויך אין דעם „אידעאַליזם" פון די יעניגע, אין דעם נאָמען פון וועלכע ער רעדט.

מיר, יודען, דאַרפען זיך אין דער פּוילישער געזעלשאַפט אָנשפּאַרען אויף וועמען ס'איז. מיר דאַרפען נישט בלייבען איזאָלירט, מחמת דערמיט וועלען מיר גאָרנישט געווינען. — דער דאָזיגער געדאַנק האָט אין אַ געוויסער מאָס אַ גרונט — אָבער אויף וועמען? וואו זענען עס די יעניגע אין דער פּוילישער געזעלשאַפט אויף וועמען מיר זאָלען זיך קענען שטיצען? די פּוילישע דעמאָקראַטיע, דער פּוילישער ליבעראַליזם? אַזוי האָט עס בעדאַרפט זיין; אָבער וואו האָבען מיר אַ ליבעראַליזם אָדער אַן'אויפריכטיגע דעמאָקראַטיע אין פּוילען? האָבען דאָך אַלע קעמפענדע צדדים אַזוי־פיל מיסגעברויכט אין פערלויף פון ד' ילעצטע יאָהרען מיט די דאָזיגע בעגריפען, אַז די יעניגע, וועלכע זענען נישט דירעקט אַנגאַזשירט אין קאַמף, און וועלכע זענען נאָך פעהיג אין אַ געוויסער מאָס אָביעקטיוו אָפּצושאַצען אַלץ, וואָס קומט ביי אונז פאָר, — קענען נישט אונטערשיידען אין דעם קנויל פון די געשעהעניש, וואו ס'הויבט זיך אָן דעמאָקראַטיע און וואו ס'ענדיגט זיך אַנטי־דעמאָקראַטיע, וואו ס'איז ליבעראַליזם און וואו ס'איז רעאַקציע. אַזאַ צושטאַנד מוז געשאַפען ווערען דאַן ווען ערליכקייט און אויפריכטיגקייט אין פּאָליטישען לעבען זענען אַ טייערע מטבע. ווען ציווילער מוט איז אַ זאַך, וועלכע איז אינגאַנצען נישט בנמצא.

און ס'איז באמת שווער פאַר דער דריי־מיליאָניגער יודישער בעפעלקערונג אין פּוילען שלום צו מאַכען אָדער זאָגאַר צו ווערען פערבינדעטע מיט דעם פּוילישען „ליבעראַליזם" אין ה' האָלובקאָ'ס אויסגאַבע, אויב די גווינס־עסענץ פון דעם דאָזיגען „ליבעראַליזם" איז, אַז: פון מלוכה־פּאָסטענס מוזען מיר רעזיגנירען, וועגען ענדערען די שווערע גזירה פון צוואַנגס־זונטאָג־רוה איז נישטאָ וואָס צו ריידען, קרעדיטען פאַר יודען זענען נישט פערהאַן צוליב דער אָרימקייט פון דער מלוכה־קאַסע סובסידיעס פאַר יודישע אינסטיטוציעס זענען נישט פערהאַן א.אַ.וו. עפּעס אַ מאָדנער, אין ערגיץ נישט געטראָפענער ליבעראַליזם!

צו אַ „ליבעראַליזם" פון ווערטער זענען מיר שוין געוואוינט, איצט פאָדערט זיך אַ ליבעראַליזם פון מעשים, און ערשט ווען ס'וועלען קומען די מעשים, וועט מען קענען ריידען וועגען קענען ווערען „נאַטירליכע פערבינדעטע פון פּוילישען ליבעראַליזם".

אַ. צ.

סענסאַציאָנעלער מאָרד־פּראָצעס אין וויען

אַ גרויסער ווינער סוחר אַלס מערדער פאַר'ן געריכט נאָך אַ יאָהר זוכען ווערט אין בערלין אַ ווינער סוחר אַרעסטירט פאַר דערמאָרדען אַ פרוי אין וויען

אין די נאָהענטסטע טעג הויבט זיך אָן אין וויען אַ זעהר אינטערעסאַנטער פּראָצעס געגען אַ גרויס־אינדוסטריעלער מיט'ן נאָמען גוסטאַוו בויער, וועלכער ווערט בעשולדיגט אין דערמאָרדען זיין געליבטע, אַ רייכע „האַלב וועלט־דאַמע" מיט'ן צוועק זי צו בעראַבען.

זעלטען אַז אַ פּראָצעס האָט אַזאַ רושם געמאַכט ווי דער דאָזיגער. עס איז אַ לאַנגער פלאָנטער פון טעותים, איבערראַשונגען און פערדרעהעכצער און עס איז אַ פראַגע צי דאָס געריכט וועט קענען אויף קלאָר דעם פּסק אַרויסגעבען, ווייל די גאַנצע קלאַגע ווערט געבויט אויף „אינדיציעס" ר. ה. מיט בעשטימטקייט קען דאָס געריכט נישט זאָגען, אַז גוסטאַוו בויער איז דער מערדער. ער שטעהט נאָר אין חשד, אָבער אויך דער בעשולדיגטער קען נישט בעווייזען זיין „אַליבי".

מען פערגלייכט דעם פּראָצעס צום פאַל האַלסמאַן. אַזוי ביי „מאַראַם־יוסטיציע" האָט שוין עטליכע מאָל געטראָפען אַ טעות.

אַ גאַנץ יאָהר האָט געדויערט די אונטערזוכונג. דער מערדער עדות האָט מען אין גאַנץ איראָפּאַ אויסגעזוכט, גאַנצע בערג פון אַקטען זענען אָנגעזאַמעלט (איבער דריי טויזענד בויגען שרייב־מאַשין) און גאַנץ וויען וואַרט מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם צו הערען דעם פּסק פון די געשוואָרענע פאָלקס־ריכטער. דער הויפּט פון פּראָצעס איז פאָלגענדער:

דעם 17. יולי 1928 האָט מען אין „לאַינצער טיערגאַרטען" געפונען אַ האַלב־פערברענטע פרוי: אַ גאַנץ יאָהר האָט מען נישט געקענט אויסגעפינען ווער די פרוי איז, מען האָט עטליכע פערזאָן אַרעסטירט, אָבער מען האָט זיי געמוזט פריילאָזען. די ווינער פּאָליציי, וועלכע איז ביי יעדען קרימינעלען פערברעך זעהר געשיקט, האָט דאָס מאָל זיך געמוזט בעגנוגען מיט גאָרנישט. די „ליגקע" פּרעסע האָט יעדעס מאָל געמינטערט די פּאָליציי. אָבער אומזיסט.

אַן עסטרייכישער געלעהרטער, וועלכער האָט ערפונדען אַזאַ מיטעל ווי דער גוף פון אַ הויט ווערט שנעל אַראָפּגענומען מיט אַלע זיינע ניואַנסען. האָט אויך דעם גוף פון דער דערמאָרדעטער פרוי לויט זיין סיסטעם פערפערטיגט און ווען אַ רענטגען האָט דעם קאָפּ געזעהן האָט ער ערקלערט, אַז די ציין פון דער דערמאָרדעטער זענען ביי איהם גע־

(אַ בריף פון וויען)

מאַכט און די ערמאָרדעטע הייסט קאַטאַרינאַ פעלנער.

די פעלנער איז אין וויען געווען אַ בעקאַנטע פיגור, קודם איז זי געווען אַ קאַפּעהויז־קאַסירעריע, דערנאָך בּאַר־טענצערין, שפּעטער איז זי געוואָרען די געליבטע פון אַ גרויסער באַנק־דירעקטאָר, וועלכער זי האָט אָפּגענאַרט אַ שטיק געלד און צום סוף האָט ער איהר געגעבען 40 טויזענד ליר אָפּטרעט־געלד. דאָן האָט זי חתונה געהאַט מיט איינעם אַ פעלנער און איז געווען זעהר גליקליך.

היכף נאָכדעם ווי מען האָט דעם טויטען קערפּער געפונען איז קלאָר געווען, אַז דעם מערדער איז צו זוכען צווישען איהרע בעקאַנטע ווייל די טויטע האָט מען מיט אַכ'ן מאָרד מיט ברעטער פונאַנדער געגאַסען און אָנגעצונדען, כדי מען זאָל נישט דערקענען ווער זי איז.

דאָס ערשטע האָט מען אָנגעהויבען זיך נאָכפרעגען אויף איהרע געוועזענע מאַן און מען האָט אויסגעפונען, אַז נאָך דער מאָרד איז געשעהען איז דער מאַן איבער גרענעץ געוועזען מיט מאַטעריעלע שוועריגקייטען, אויך האָט די ווינער פּאָליציי בעשטימט, אַז אַנדרעאַס פעלנער איז דעם 17־טען יולי אַריבער די גרענעץ און אָט אויף די אַלע בעווייזען האָט מען אין אַבּאַציאַ, (איטאַליען) פעלנער אַרעסטירט.

ביז צו די אַכט טאָג אָבער האָט מען איהם געמוזט בעפרייען, ווייל ער האָט נאָך געוויזען ריינע עדות, אַז דעם 17־טען יולי נאָך מיטאָג האָט ער אין וויען נאָך געזעהן א אויטאָ־קאַטאַסטראָפע. מען האָט נאָך אַמאָל נאָכגעפרעגט ביי דער גרענעץ־פּאָליציי און עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז אַ פרוי מיט'ן נאָמען אַנדרעאַס פעלנער איז די גרענעץ דורכגעגאַנגען.

דעם לעצטען טאָג האָט זיך פעלנער געלאָזט פרעגען פאַר'ן אויספאָרשונגס־ריכטער און איהם דערציילט, אַז פרישער אַלע ליבהאַבערס פון זיין אַמאָליגער פרוי, און אויך פאַרהאַן איינער מיט'ן נאָמען גוסטאַוו בויער, וועלכער פלעגט אָפט ביי זיין פרוי געלד אויסנאַרען, די פּאָליציי האָט איהם אָנגעהויבען צו זוכען, ער איז אָבער פון וויען פערשוואונדען. ווען מען האָט איהם תיכף געוואָלט פון איהם מודיע גע־

ווען דער נאַנצער אייראָפּעאישער פּאָליציי. און דעם 17־טען יולי 1929 פונקט צום יאָהר איז טאָג פון מאָרד איז גוסטאַוו בויער אין בערלין אַרעסטירט געוואָרען, ביים ערשטען פערהער האָט בויער ערקלערט, אַז ער האָט די פעלנער שוין זייט צוויי יאָהר נישט געזעהען, די „אינדיציעס" האָבען זיך אָנגעזאַמעלט.

די קוילען וועלכע האָבען געשטעקט אין גוף פון דער געהרגעט'ער האָבען געפּאַסט צום רעוואָלווער פון בויער, דאָס בענזין־פלעשעל וואָס מען האָט געפונען ביים טויטען־קערפּער, האָט בויער'ס רינגט דערקענט אַז דאָס איז זיינס. טרוקענעם שפּירטוס האָט מען ביי ביידע צדדים געפונען.

דערויף האָט בויער ערקלערט, אַז ער האָט געקויפט אַ רעוואָלווער, וואָס ווערט געוואָרענט מיט טרוקענעם שפּירטוס און, אַז די פרעם האָט ער אַ מתנה געגעבען זיין „געליבטער" (ער האָט געלט אויפ'ס ניט). די געליבטע איז פערבעטען געוואָרען אויף דער פּאָליציי און דאָרט האָט זי עס בעשטעטיגט (דערווייל האָט זיך דער מאַן פון דער געליבטער מיט איהר גע'גט, און דער ווינער געזעלשאַפט איז עס געווען פון די אַמת'ע קראַניקס־קאַנדאַלען").

ווידער האָט זיך אַ פעלד־הענדלער געמעלדעט אַז אַ עלעגאַנטער הער האָט ביי איהם געוואָלט פערקויפען דריי פעלד־טענגעל, געהיך, אַסטראַכאַן. הערמעלין און אַ טשינטשעלין קראַגען. מען האָט זיי ביידע קאָנפראָנטירט און ער האָט בויער דערקענט. בויער ווערט אויך בעשולדיגט אַלס הויפּט־שווינדלער.

פערשטעהט זיך, אַז בויער לייקענט פון אַ ביז ת. אָבער עפּיס האָט ער שוין צוגעגעבען אַזוי למשל אַז אין טאָג פון מאָרד האָט איהם די פעלנער די פעלצען געבראַכט און ער האָט איהר אויף זיי געגעבען 15 טויזענד שילינג (18 טויזענד זל.) דעם געשעפט וועט ער איהר שפּעטער געבען... עס האָבען זיך אָבער אויך געמעלדעט אַנדערע עדות וועלכע האָבען געזאָגט, אַז בשעת דעם מאָרד איז בויער גאָרנישט אין וויען געווען, וכדומה.

עס איז שוין אַזוי ווייט דערגאַנגען, אַז צוויי ווינער אַדוואָקאַטען זענען אַנגעצייגט געוואָרען, ווערבען דערמעגליכען פאַלשע עדות צום פּסוק צו קריגען. איצט זענען די אַדוואָקאַטען מודיע, אַז ביים פּראָצעס וועלען זיי אַרויס מיט גרויסע איבעראַשונגען.

אויף צי אַזוי, אַ שווערער קאַמף וועט זיך אָפּשפּילען צווישען ריכטער און פערטיידיגער אַ שווערער פּלאָנטער, אַ שטאַרקער קניפּ, מען רעכענט אַז די פערהאַנדלונג וועט דויערען 15 ביז 20 טעג.

א. ט—ס.

די איינציגע אין לאָדז באַד־אַנשטאַלט
וועלכע שטעלט זיך איינציגע טאָג וואַסער
אויס טיפען אַרטעזיש־ברונעם
KĄPIELE „ROYAL"
זשעראָמסקיעגאָ 53 טעל. 77-179
שוויצבעדער I און III קלאַס (רוסיש און רוימיש)
וואַנעם I און II קלאַס ווי אויך קוראַציע־בעדער
טעגליך טעטיג
שוויצבעדער מאָנטאָג און מיטוואָך
אויסשליסליך פאַר פרויען
פעדיקור אויפ'ן אָרט.

לאָדז, 13 אָקטאָבער 1930

נייער פאָלקסבלאַט

לאָדז, 13 אָקטאָבער 1930

דער מענש איז נישט גוט און נישט שלעכט

אינטימע שמועסן

פון ש. י. סטופניצקי

עס איז אַן אַלטע מחלוקה אין דער וויסענשאַפט, צי דער מענש איז פון נאַטור גוט, נאַר די קולטור האָט איהם קאַליע געמאַכט, אָדער פערקעהרט, אַז פון דער נאַטור איז דער מענש שלעכט, נאָר ד קולטור בילדעט איהם או זבעסערט איהם אויס. עס איז די מחלוקת צווישען אָפּטימיסטען און פעסעמיסטען. צווישען די, וואָס זאָגען, אַז די וועלט איז גוט און שעהן און די, וואָס האַלטען, אַז די וועלט איז אַ גיהנום, אין וועלכער מענשען פייניגען זיך. די פראַגע איז דורות לאַנג בעהאַנדעלט געוואָרען ריין מעטאַפּיזיש, מען האָט געזאָגט סברות, ענטוויקעלט שעהנע געדאַנקען, קיין ממשות'דיגע בעווייזען האָט קיינער פון די צדדים נישט געבראַכט, ביז עס איז געקומען די פּסיכאָלאָגיע און האָט אָנגעהויבען אין דעם מענשענס גייסטיגע נאַטור, זיך פערטיפען אין איהרע פערשידענע פונקציעס און אויף אַ וויסענשאַפטליכען וועג דער־געהן דעם סוד פון מענשען, היינט איז די פראַגע, צי דער מענש איז גוט אָדער שלעכט, נישט מעהר קיין מעטאַפיזישע נאָר אַ פּסיכאָלאָגישע און דאָ הויבט זיך ערשט אָן דער ריכטיגער פּלאָנטער.

די פּסיכאָלאָגיע איז אַ וויסענשאַפט, וואָס געפינט זיך נאָך אין מצב פון ענטוויקלונג און בעקומט אַלע ווייִלע אַ נייעם פּנים. אין דער צייט וואָס די לאָגיק, למשל, האָט זייט דעם גריכישען פילאָזאָף אריסטא כמעט קיין פּאָרטשריט נישט געמאַכט. העכסטענס, האָט זי נאָר געענדערט דעם מעטאָד, האָט די פּסיכאָלאָגיע, וואָס האָט זיך אָפּגעצווייגט פון דער לאָגיק און איז געוואָרען אַ זעלבסשטענדיגע וויסענשאַפט און איז נאָך אַ יונגע וויסענשאַפט, שוין זעהר פיל דורכגעמאַכט. זייט פעכנער האָט ענטדעקט דעם פּסיכאָ־פיזישען פּאַראַלעליזים, ד. ה. אַז די גייסטיגע פונקציעס אונזערע זענען פערבונדען און אַרבייטען אין הסכם מיט די פיזישע, האָט זיך ענטוויקעלט דער עקספּערימענטאַלער מעטאָד אין דער פּסיכאלאָגיע, וואָס האט אַלע אונזערע פּסיכישע, גייסטיגע איבערלעבונגען גע־וואָלט ערקלערען אַלס רעזולטאַט פון פיזישע אָדער אַלס פּאַראַלעלע ערשיינונג פון אונזער פיזישע, קערפּערליכע מעשים און פונקציעס. אין לייפּציג און איי אַנדערע אוניווערזיטעטן האָבען זיך גע־עפענט פּסיכאָ־אַנאַליטישע לאַבאָראַטאָריעס. מען האָט דעם מענש און זיין גייסטיג לעבען בעהאַנדעלט ווי אַנדערע אָרגאַנישע קערפּער, געמאָסטען און גע'חשבונ'ט. עס איז ענטשטאַנען אַ גאַנצע שולע פון עקספּערימענטאַל־פּסיכאָלאָגען, ווי ציהען, וואונד מינסטערבערג א. אַ.

גלייכצייטיג האָבען לאַצאַרוס און שטיינהאַל געשאַפען אַ נייעם צווייג אין דער וויסענשאַפט. דאָס איז די פעלקער־פּסיכאָלאָגיע, וועלכע איז געווען, אין אַ געוויסען זין, דער היפוך פון דער עקס־פּערימענטאַל־פּסיכאָלאָגיע. די שיטה איז אַרויס־געגאַנגען נישט פון יחיד און זיינע איבערלעבונגען, נאָר פון כלל, פון פאָלק און האָט געזוכט פּסיכאָלאָ־גישע אייגענשאַפטען ביים נאַציאָנאַלען קיבוץ, ביי דער מאַסע און ערשט פון כלל פרובען פער־שטעהן דעם יחיד. צווישען דיביידע שיטות איז אַ געוויסע צייט פאָרגעקומען אַ קאַמף און די פעל־קער־פּסיכאָלאָגיע האָט גובר געווען, ווילהעלם וו וואונדס, דער ראש פון דער עקספּערימענטאַל־שולע, האָט שפּעטער געשריבען אַ פעלקער־פּסיכאָ־לאָגיע אין גאַנצע פינף טיילען.

דערמיט האָט עס זיך נאָך נישט געענדיגט. מען האָט אָנגעהויבען טיילען די וויסענשאַפט אויף פּסי־כאָלאָגיע פון קינד, פון פערשידענע שיכטען און קלאַסען. מען האָט אַפילו זיך געגרונטעוועט אין דער פּסיכאָלאָגיע פון חיות. אויף דעם געביט האָ־בען גראָד די קינסטלער ווי דאָסטאָיעווסקי, קיפּלינג, עדגאַר פּאָע, פיל אויפגעטון.

אין אונזער צייט לעבט די פּסיכאָלאָגיע ווידער איבער אַ גרויסען קריזיס. עס איז געקומען זיגמונד פרויד און געשאַפען די פּסיכאָ־אַנאַליז, וועלכע צו־שטיקעלט און אַנאַליזירט די מענשליכע גייסטיגע איבערלעבונגען. אָבער ער מאַכט עס נישט אין לאַבאָראַטאָריע ווי די פריהערע עקספּערימענטאַל־פּסיכאָלאָגען האָבען געטון, נאָר ער מאַכט עס ביי זיך אין קאַבינעט. דאָרט אַנאַליזירט ער און צו־גלידערט די מענשליכע איבערלעבונגען אויף דער וואָהר און אין חלום, ער שעפּט פון טעגליכען לעבען, ווי אויך פון דער ליטעראַטור, אין וועלכער די איבערלעבונגען און די חלומות ווערען בעשריבען און אויפ'ן גרונד פון די איבערלעבונגען שטעלט ער דעם דיאַגנאָז פון געזונדטען און קראַנקען מענשען.

די וויכטיגסטע ראָל שפּילען ביי איהם די חלומות, דאָס הייסט, דאָס אונבעוואוסטע אין אונז, ווייל ער האַלט פון כלל אין מראין לו לאדם אלא מהרהורי לבו, דער מענש זעהט אין חלום דאָס, וואָס ער טראַכט און לעבט דורך אויף דער וואָהר, מיט דעם חילוק, וואָס לויט פרוידס טעאָריע, זעהט דער מענש אין חלום נישט נאָר דאָס, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, נאָר אויך דאָס, וואָס זיינע אבות אַבותינו האָבען איבערגעלעבט מיט הונדער־טער, אפשר מיט טויזענדטער יאָהרען צוריק. פרויד איז דער גרויסער פּותר חלומות פון אונזער צייט, ער איז אָבער אויך דער גרויסער פעסימיסט פון אונ־זער צייט, ווייל לויט זיין שיטה איז אונזער גורל נישט אָפּהענגיג פון אונזערע מעשים. מיר מעגען זיך וועלען זיין גוט און פרום, עס העלפט אונז אָבער נישט, ווייל פּוקד עון אבות. מיר ליידען זיך פיזיש און גייסטיג פאַר די זינד פון פרי־הערע דורות.

געגען דער פּעסימיסטישער שיטה איז אויפ־געשטאַנען פרוידס אַ תלמיד אַלפרעד אדלער, וועל־כער האָט זיך צוריקגעקעהרט צו דער אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע, און וועלכער האָט שוין געזאַמעלט אַ רום זיך אַ סך תלמידים, וואָס געהען אין זיינע וועגען. איצט איז אין בערלין פאָרגעקומען אַ צוזאַ־מענפאָהר פון די אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגען און אַדלער האָט געהאַלטען אייניגע עפענטליכע פאָר־לעזונגען, אויף וועלכער ער האָט פּראָפּאַגאַנדירט זיין אָפּטימיסטישע פּסיכאָלאָגיע.

לויט אַלפרעד אדלער איז דער מענש פון נאַ־טור נישט גוט און נישט שלעכט. דער מענש קומט אויף דער וועלט, ווי אַן'אונבעשריבען בלאַט פּאַ־פּיר. ערשט די סביבה און די ערציהונג שרייבען אויס אויף דעם פּאַפּיר דעם שפּעטערן טעקסט, ערשט די ערציהונג מאַכט דעם מענשען גוט אָדער שלעכט. די הויפּטראָל שפּילט, נאַטירליך די מוטער. אויב זי פּלאַנצט איין אין קינד גוטע מידות, אויב ער הערט און זעהט אַרום זיך נאָר גוטס און פיינס, אויב ער האָט פאַר זיך דעם גוטען ביישפּיל, וועט דער מענש אויסוואַקסען גוט און פרום, ער וועט זיין צו גאָט און צו לייטען. אויב דאָס קינד זעהט אַרום זיך נאָר שלעכטע מענשען, אויב די מוטער האַלט איין שעלטען און פלוכען, אויב ער בע־קומט די רעכטע קלעפּ און קולאַקעס, אויב מען פּלאַנצט אין איהם איין די פּוסטע גאווה און מען רעדט איהם איין, אַז ער איז דאָס אויבערשטע פון שטויסעל, אַז קיינער קען זיך גאָר צו איהם נישט גלייכען און ער דאַרף מיט קיינעם נישט רעדען, נישט געהן און נישט פערקעהרען, וועט ער אויס־וואַקסען אַ שלעכטער, אַ פּוסטער שטרעבער, אַ נאַ־רישער בעל גאווה און עלטערען און לייטען וועלען פון איהם האָבען צרות.

ווי מיר זעהן איז די שיטה פון אַלפרעד אַדלער, אָדער ווי מען רופט איהם אין וויען דער „פעטער אַלפרעד" איז זעהר איינפאַך. עס איז די פשטות אַליין און דעדמיט ערקלערט זיין ערפאָלג איבער־הויפּט אין דער פּעדאַגאָגישער וועלט, ווייל לויט פרוידס שיטה, אַז דער גורל פון מענשען איז אָפּהענגיג, פון אונבעוואוסטע און אונקאָנטראָליר־באַרע פאַקטאָר'ען, אַז דער עיקר שפּיגלען גאָר אַ ראָל די זכרונות און די ירושה פון פערגאַנגענע דורות. איז דאָך די ערציהונג אַן'אונגוציליכע און אַ אומזיסטע מיה. וואָרום וואָס קען העלפען, וואָס איך זאָג און לערן דעם קינד, ווען אַנ'אינערע שטים, וואָס איז עלטער און שטאַרקער פאַר מיר זאָגט איהם דעם היפּך דערפון, וואָס העלפט די ערציהונג ווען דער מענש איז נישט פריי און ער האָט נישט קיין ברירה. וואָס איז די פּעולה, וואָס איך לערן מיט'ן קינד בייטאָג, ווען נאָכהער קומט די נאַכט און לערנט איהם אין חלום עפּעס פערקעהרטס, וואָס נוצען בכלל זיי אַלע שכל'דיגע זאַכען, וואָס איך לערן מיט איהם, ווען ער איז פּאַקטיש בע־הערשט פון אינסטינקטען, וואָס בעשיטען זיינע מעשים אין לעבען!

לויט פרוידס טעאָריע האָט די פּעדאַגאָגיק גאָרנישט וואָס אויפצוטון און דערפאַר האָבען זיך טאַקע די לעהרער אין גאָר דער וועלט אָנגעכאַפּט אָן אַלפרעד אָדלערס אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע, ווייל נאָר זי ראַטעוועט די פּעדאַגאָגיק אַלס וויסענ־שאַפט. דערמיט ערקלערט זיך אויך, פאַר וואָס אויף זיינע פאָרלעזונגען אין בערלין זענען געקומען אַזוי פיל הערער פון אַלע קרייזען. עס ווילט זיך גערן הערען אַ גוט וואָרט אויפ'ן מענש, ד. ה. אויף זיך. נאָכדעם ווי מען האָט זיך אָנגעהערט אַזוי פיל בייז....

אינטערעסאַנט איז, וואָס ביידע געלעהרטע, סיי פרויד, סיי אַדלער זענען ביידע יודען. בכלל איז די פּסיכאָלאָגיע שטאַרק פערטרעטען דורך יו־דען. אין ביידע שיטות קען מען געפינען דאָס פּינטעלע יוד. דאָך איז אַדלער „דער פעטער אַד־לער" נעהנטער לאורחא דהימנותא, ווי מען זאָגט אויף חסידיש לשון, ער אנערקענט דעם פרייען ווילען, אַז די ברירה איז ביים מענשען צו זיין גוט, ווייל ביי דער שיטה איז דאָך מעגליך און האָט אַ פּלאַץ די דברי תוכחה, די שטראָף־רייד פון די נביאים, די גוטע עצות פון „משלי" ווי בכלל דער גאַנצער ערציהונגס־סיסטעם פאַרן כלל ווי פאַרן פּרט. די אידעי פון בחירה, די איבערצייגונג, אַז דער מענש לאָזט זיך ערציהען און פיהרען אין דרך הישר, אַ יסוד אין יודענטום ווי אויך אין דער מאָדערנער אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע, וואָס זאָגט, אַז דער מענש איז פון נאַטור נישט גוט און נישט שלעכט, אַז הרשות נתונה און הכל לפי מעשיו.

קהלת

קאַפּיטעל ד.

א.

ווידער האָב איך זיך אַרומגעקוקט
און געזעהן,
די גוואַלדטאַטען און רויבערייען
וואָס קומע ןפאָר אויף דער וועלט.
און אָט זענען די טרעהרען פון די בערויבטע,
און קיין טרייסטער פאַר זיי איז ניטאָ.
מאַכט איז מיט די רויבער
און קיין אָנגעהמער פאַר די בערויבטע איז ניטאָ!

ב.

ושבח אני את המתים שכבר מתו!
איך בין מקנא די טויטע
וואָס זענען שוין טויט.
מעהר ווי די לעבעדיגע,
וואָס לעבען נאָך.

ג.

און נאָך מעהר בין איך מקנא די־יעניגע,
וואָס זענען אינגאַנצען
נאָך נישט געבוירען געוואָרען,
און נישט געזעהען די בייזעווירטשאַפט,
וואָס הערשט אויף דער וועלט.

ד.

און ווידער האָב איך געזעהן,
אַז די גאַנצע אַרבייט פונ'ם מענשען
און אַלע די קונצען, וואָס ער בעווייזט,
שטאַמען מעהרסטענס פון דער קנאה
און די גרויסע אויגען
וואָס איינער האָט אויפ'ן צווייטען.
נאַריש און נישטיג,
אַ יאָגעניש נאָך הינט!

ה.

דער נאַר פערלייגט גאָר די הענט,
גייט אַרום פּוסט־און־פּאַס.
און דערנאָך עסט ער פון זיך ס'פלייש.

ו.

בעסער אַ ביסעלע מיט נחת,
איידער גאַנצע בערג
מיט פּלאָגעניש און קאָפּ־ברעכעניש.

ז.

ווידער האָב איך בעמערקט —
די נאַרישקייט פון דער וועלט.

ח.

פערהאַן אַ מענש וואָס איז איינער אויף דער וועלט
עלענד, — קיין קינד, קיין רינד —
נישט קיין זוהן און נישט קיין ברודער;
און האַנדעלט און וואַנדעלט רייסט איין די וועלט;
און ס'אויג זיינס ווערט נישט זאַט מיט רייכקייט.
און ער פרעגט זיך קיינמאָל נישט:
פאַר וועמען אַרבייט איך,
און פערגין זיך נישט
הנאה צו האָבען פון לעבען?
— נאַריש און אַ ביטערע קרענק.

ט.

בעסער זאַלבענאַנד,
איידער איינער אַליין,
אין צווייען טוט זיך מעהר אויף.

י.

ווי אָבער ווען איינער פאַלט
וואָרים אויב זיי פאַלען,
העלפט איינער דעם צווייטען אויפשטיין;
און קיין צווייטער איהם אויפצושטעלען איז ניטאָ.

יא.

דאָס זעלבע ווען צוויי שלאָפען צוזאַמען,

— יודיש פון הרב —

יהודה לייב זלאָטניק

וואַרעמט איינער דעם צווייטען;
אָבער איינעם אַליין, ווי קאָ ... [illegible]?

יב.

אויב איינער בעפאַלט זיי,
קאָנען זיי אין צווייען זיך אַקעגענשטעלען.
אַ פּשיטא שוין זאַלבעדריט —
החוט המשולש — לא במהרה ינתק!
אַ דרייפאַכע שטריק וועט זיך לייכט נישט
איבעררייסען.

יג.

בעסער יונג און אָרעם, אָבער קלוג,
איידער אַ מלך אַ זקן, אַ נאַר,
וואָס האָט פאַר זיין גאַנצע דערפאַהרונג
גאָרנישט געלערנט.

יד.

דער ערשטער קאָן אַרויס פון קנעכטשאַפט און
[illegible]
און דערשלאָגען זיך צו אַ קעניגליכער שטוהל;
דער צווייטער מעג האָבען געבוירען ווערען אין
קעניגליכע פּאַלאַצען,
און דאָך זיין עלענד, אומגליקליך.

טו.

אָבער אויך דעם ערשטענס גליק איז נישט
אויף אייביג;
איך בעטראַכט די מענשען אויף דער וועלט,
ווי זיי בעגעהען זיך מיט זיין זון נאָך איהם.

טז.

נישטאָ קיין שעור צו די מאַסען,
וואָס ער איז איז זייער שפּיץ, —
זייער גרויסער מעכטיגער פיהרער!
קומט אָבער נאָך אַ צווייטער דור,
און אַלץ איז פערגעסען —
אויס שמחה מיט איהם אין זיין הויז.
אויך טראַכען און דינאַסטיעס
הבל הבלים,
אַ יאָגעניש נאָך ווינט!

יז.

זיי פאָרזיכטיג,
ווען דו גייסט אין גאָטס הויז אַריין.
בעסער קום הערען און לערנען,
איידער ברענגען ווי די נאַראָנים אַ קרבן.
ווייל, נישט נאָר גוטס צו טון,
נאָר אַפילו צו זינדיגען,
האָבען זיי קיין שכל נישט.

פון יודישן הומאָר־אוצר

דעם ישיבה בחור'ס תשגה...

מ'האָט געפרעגט אַ ישיבה־בחור:

— וואָס רעכענסטו צו בעטען בײַ גאָט הושענא רבה בײַנאַכט ווען דער הימעל וועט זיך אויפ־שפּאַלטען?

— דאָס וואָס איך האָב צו בעטען בײַ גאָט — האָט דער ישיבה־בחור געענטפערט — איז, ער זאָל מיר צושיקען זיבען שעהנע הייזער, וועל איך זיי פערדינגען צו זיבען חשוב'ע בעלי־בתים, בתנאי אַז יעדער זאָל מיר געבען אַ טאָג צו עסען, וועל איך ממילא וויסען, אַז איך בין אַ פערזאָרגטער...

ער קאָן בעשטיין...

אַ גבאי האָט בעמערקט, אַז דער חזן דאַ־ווענט נישט די שטילע שמונה עשרה:

האָט ער דאָס דעם חזן אויסגערעדט.

האָט איהם דער חזן געענטפערט:

— דו בעצאָהלסט מיר דאָך נאָר פאַר די הויכע שמונה־עשרה, אויב דו ווילסט, אַז איך זאָל אויך די שטילע שמונה עשרה דאַווענען, מוזטו מיר העכ־ערן אויף די שכירות...

אויך גערעכט!

אַז דער אַלטער רב איז נפטר געוואָרען, האָט זיך פערוועלט די משכילים צו נעמען אַנ'אַנגעשטעל־טען רב, אַ דאָקטאָר־פילאָזאָף.

איז צום נייעם רב געקומען אַ יודענע מיט אַ געשאָכטענע הוהן.

— רבי, איך האָב געפונען אַ נאָרעל אין פּופּיק...

— איך בין נישט קיין רב, נאָר אַ דאָקטאָר — האָט דער נייער רב געענטפערט.

האָט די יודענע שוין געוואָלט אַוועקגעהן רופט ער איהר צוריק.

האָט די יודענע זיך צו איהם אָפּגערופען: „אויב דו ביזט אַ דאָקטאָר, טאָ וואָס קאָנסט העלפען אַ טויטע הוהן...."

דער פשט שטימט.

אַ חברה חקרנים זענען געזעסען און גע־חקר'נט, צו וואָס דאַרף אַ מלוכה נעמען פּאָראַסט־קעס? בכן, אַז זי, די מלוכה אַליין מאַכט דאָס געלד, קאָן זי דאָך מאַכען וויפיל זי וויל.

האָט זיך דער עלטערער פון זיי אָנגערופען:

עס שטעהט געשריבען, אַז מלכותא דארעא איז ווי די מלכותא דרקיע, די מלוכה פון דער ערד איז ווי די מלוכה פון הימעל, אַ מענש ווען ער טוט אַ מצוה ווערט פון דעם בעשאַפען אַ מלאך, פרעגט זיך, אַז די מלאכים ווערען דאָך בעשאַפען אויפ'ן הימעל, איז צו וואָס דאַרף מען דאָס דוקא וואַרטען אויף צו בעשאַפען אַ מלאך ביז דער מענש וועט טון אַ מצוה? דער כביכול קאָן דאָך בעשאַפען מלאכים וויפיל ער וויל! נאָר דער תירוץ איז: אַז דער אויבערשטער וויל דוקא — דיינעם אַ מלאך און די רעגירונג להבדיל וויל דוקא — דיינעם אַ גילדען.

ש. א.

דער קלוגער משל

אַ פאָלקס-לעגענדע ווי אַזוי ר' יונתן אייבעשיץ האָט מיט אַ משל בעזיגט דעם פּויפּסט אין רוים

פון ***** ישעיה זהבי *****

זעהר פיל ווייסט דאָס פאָלק צו דערצעהלען וועגען דער גרוויסער חכמה און קענטנישען פון דעם בעוואוסטען גאון ר' יונתן אייבעשיץ און וועגען זיין איבערגעשפּיצטקייט, עמקות און שאַרפזין, מיט וועלכער ער האָט אַזוי קונציג לאווירט אויף צו כאַפּען דעם געגנער בעת זיינע רעליגיעזע וויכוחים און דיספּוטען מיט די דאַמאָלסדיגע גרעסטע קריסטליכע גייסטליכע, וועלכע ער האָט אויך כסדר פולשטענדיג בעזיגט. נישט אָבער אַלע זיינע משלים וכוחים און גלייכווערטלען, וואָס קענען געבען אַ ריכטיג בילד וועגען זיין אמת'דיגער גדלות און געניאַליטעט, איז דערוויזען געוואָרען צו דערהיטען אין שריפט אָדער אין פאָלקס-מויל ביז היינט. זעהר פיל פון זיי איז אין פערלויף פון דער צייט פערלוירען געגאַנגען און פערגעסען געוואָרען, און דערמיט, קאָן מען זאָגען, איז אויך בערויבט געוואָרען דער אוצר פון אונזער פאָלקלאָר פון אַ סך אינטערעסאַנטען און ווערטפולען מאַטעריאַל.

איינע אַזאַ פערגעסענע שעהנע ערצעהלונג, אָדער בעסער געזאָגט: לעגענדע, וועגען ר' יונתן'ס אַ איבערצייגונגס-נצחון דורך אַ משל איבער'ן פיהרער פון דער קאַטוילישער קירכע ד. ה. איבער'ן פּויפּסט אַליין, וואָס איז לגמרי נישט בעוואוסט די ברייטע שיכטען פון יודישען פאָלק, וויל איך דאָ איבערגעבען דער ברייטער יודישער עפענטליכקייט און דערמיט וועל איך זי ראַטעווען פון דער פערגעסענהייט.

* * *

דער אַרציביסקופּ פון דער שטאָט „מעץ“ (עלזאַס), אין וועלכער ר' יונתן איז געווען רב, האָט זעהר שטאַרק געשעצט און געאַכטעט דעם גאון ר' יונתן אייבעשיץ און האָט דעריבער בעת זיינעם אַ בעזוך ביים פּויפּסט אין רוים איהם דערצעהלט וועגען דער גרויסער חכמה און קענטנישען פון זיין „רב“. דער פּויפּסט אַליין, אַפילו אַ פערביסענער יודען-פיינד, איז דערפון געוואָרען אַזוי שטאַרק פעראינטערעסירט, אַז ער האָט גלייך אויפ'ן אָרט אויסגעדרוקט זיין ווונש דעם אַרציביסקופּ, צו זעהען ביי זיך דעם אינטערעסאַנטען רב און דורכצורעדען זיך מיט איהם פערזענליך וועגען טעאָלאָגישע ענינים. קומענדיג אַהיים האָט דער אַרציביסקופּ געבעטען דעם רב צו ערפילען דעם פּויפּסטליכען וואונש און צו פאָהרען צו איהם קיין רוים.

דער גאון אייבעשיץ האָט נאַטירליך נישט געקאָנט אָבזאָגען דעם אַרציביסקופּ און איז ווי אַמשנעלסטען געפאָהרען קיין רוים. אין דער אייגענער צייט האָט דער פּויפּסט געהאַט אַרויסגעגעבען אַ שרעקליכען גירוש-דעקרעט אויף יודען. וואָס האָט געלויטעט, אַז אַלע זיינע יודישע אונטערטאַנען זאָלען אין פערלויף פון אַ יאָהר צייט פערלאָזען די גרעניצען פון זיין מלוכה.

ר' יונתן קומענדיג קיין רוים און הערענדיג פון דער שרעקליכער צרה, וואָס האָט בעטראָפען זיינע דאָרטיגע ברידער, איז אַזוי שטאַרק נידערגעשלאָגען געוואָרען, אַז אויך דער פּויפּסט, דערזעהענדיג איהם בעת דער אוידיענץ, האָט די סמנים פון זיין טרויער אויפ'ן פנים גלייך דערקענט און איהם דעריבער געפרעגט וועגען דער סיבה פון זיין קענטיגער זאָרג.

דער רב האָט איהם אַזוי געענטפערט: „פון אַ זעהר ווייטער מדינה האָבען מיר מיינע ברידער די לעצטע טעג צוגעשיקט צו ענטשיידען אַ זעהר קאָמפּליצירטע פראַגע, וואָס פון איהר גינסטיגער לעזונג איז אָבהענגיג זייער גורל און עקזיסטענץ, ליידער איז מיר אָבער ביז היינט נישט געלונגען צו געפינען איהר ריכטיגען פתרון און דערפאַר ביך איך עס טאַקע אַזוי פערזאָרגט“.

דער פּויפּסט, וועלכער האָט זיך געהאַלטען פאַר אַ וועלט-חכם האָט אויף ששיקאַוועס געבעטען דעם רב פאַרצולעגען איהם די דאָזיגע שווערע פראַגע, אפשר וועט ער זי ריכטיג ענטשיידען. ר' יונתן האָט איהם דערצעהלט דאָס פאָלגענדע:

אין אַיינער פון די ווייטעסטע מדינות אין מזרח קיניגט אַ סולטאַן, וואָס איז בעריהמט מיט זיין רייכטום, העלדישקייט און ברייטער ממשלה. דער שטאָלץ אָבער פון דעם קעניג איז זיין וואונדערבאַרער גאָרטען, אין וועלכען עס וואַקסען אַלע זעלטענסטע בוימער און געוויקסען פון דער וועלט, וואָס אין זיין מיטען שטעהט אויך דער קעניגליכער פּאַלאַץ, מאַכט זיך אָבער אַ צופאַל, אַז דער קעניג בעמערקט איינמאָל בעת זיין טעגליכען נאָכמיטאָג-שפּאַציר אין גאָרטען אייניגע פון זיינע שענסטע בוימער דאָרט אונטערגעהאַקט ליגען. ווערענדיג אויסער זיך פאַר כעס, האָט דער קעניג באַלד אַלאַרמירט אַלע זיינע גאָרטען-היטערס, זיי שטאַרק אויסגעזידעלט פאַר זייער פערנאַכלעסיגען די שמירה איבער דעם קאָסטבאַרען גאָרטען, וואָס איז זיי אָנפערטרויט געוואָרען, און זיי אויך געדראָהט מיט אַ שווערער שטראָף, אויב אַזאַ פאַל וועט זיך נאָכאַמאָל איבערחזר'ן. די שומרים האָבען פערשטענדליך פערדאָפּעלט די שמירה ביי די איינגאַנגען פון גאָרטען און דאָך האָט צומאָרגענס דער קעניג ווידער אַמאָל געפונען ליגען אין גאָרטען אַ צווייטען אונטערגעהאַקטען בוים.

נישט געהאָלפען האָט אָבער דאָס אַריינוואַרפען די אַלטע גאָרטען-היטערס אין דער פינסטערער תפיסה און איבערטוישען זיי אויף נייע. דער קעניג האָט אַלץ ווייטער יעדען טאָג געפונען אונטערגעהאַקטע בוימער אין גאָרטען און קיינע מיטלען האָבען נישט געהאָלפען אויסצוגעפונען די פערברעכערישע האַנד.

ווי זאָגט אָבער דאָס אינטערנאַציאָנאַלע שפּריכוואָרט: „אַז עס איז אַ צרה בעהם דיך צום יוד“ און אויף דער דאָזיגער גוט אויסגעפּרובטער עצה איז געפאַלען אויך דער קעניג, וועלכער האָט בעשלאָסען, די שמירה איבער זיין גאָרטען איבערגעגעבען די יודען פון זיין רעזידענץ, זיי בעאויפטראַגט אויסצוגעפונען דעם פערברעכער און פאַר יעדען מיסברויכען אין זייער מיסיע, האָט ער געדראָהט מיט שווערער שטראָף.

די יודען, נישט האָבענדיג קיין אַנדערע ברירה, האָבען נעבעך געמוזט איבערנעהמען די שמירה איבער'ן קעניגס גאָרטען, זיי האָבען זיך אָבער פריהער גענומען בעראַטען וועגען די נייע מעטאָדען וואָס זיי דאַרפען בענוצען, בעת זייער שמירה און זענען געקומען צום בעשלוס, אַז זיי מוזען אַכט לעגען נישט בלויז אויף די איינגאַנגען אין גאָרטען, אַז קיין פערברעכער זאָל פון דרויסען זיך נישט אַריינבעקומען, נאָר אויך דעם קעניגליכען פּאַלאַץ, וואָס שטעהט אין צענטר פון גאָרטען, מוזען זיי ווי אַמשטאַרקסטען בעוואַכען, ווייל ס'איז מעגליך, אַז גראָד דאָרט בעהאַלט זיך אויס דער פערברעכער גאָרטען-שעדיגער.

די נייע שמירה-מעטאָדע פון די יודען האָט געהאַט אַ ווירקונג. דען אין האַלבער נאַכט האָבען אינוועניגסטע גאָרטען-שומרים בעמערקט איינעם אין אַ מאַנטעל איינגעהילט אַרויסגעהען פון קעניגליכען פּאַלאַץ, וואָס איז אַוועקגעגאַנגען טיף אין גאָרטען און גענומען זיך אונטערזעגען אַ זעהר שעהנעם בוים, די שומרים נישט קלערענדיג דאַן קיין זאַך, האָבען באַלד דערשאָסען אויפ'ן אָרט דעם געהיימען אונטערהעקער און אין איילעניש זיך געלאָזט צום פּאַלאַץ. זיי האָבען אויפגעוועקט דעם שלאָפענדען קעניג און איהם אַנגעזאָגט די גוטע בשורה.

דער קעניג איז געוואָרען ערפרעהט פון דער ידיעה און איז גיך אַוועק צום אָרט פון געשעהניש. ווי איבערראַשט און באַלד אויך פערחלש'ט איז ער אָבער געוואָרען דערקענענדיג אין דעם פערברעכער זיין איינציגען זוהן, דעם קרוין-פּרינץ!

צומאָרגענס איז בעקאַנט געוואָרען, אַז דער קעניג רופט צום משפט פאַר דער'הרג'ענען זיין איינציגען זוהן אַלע יודען פון זיין רעזידענץ. און — האָט פאָרטגעזעצט דער רב — אָט בעטען מיך אין זייער בריף מיינע דאָרטיגע ברידער זיי צו שיקען קלאָרע אַרגומענטען, וואָס זאָלען אויפווייזען און מאָטיווירען די ריכטיגקייט פון זייער האַנדלונג בעת דעם קומענדיגען משפט. איך — האָט דער אויסערליך-בעטריבטער רב אייבעשיץ פערענדיגט זיין ערצעהלונג — ווייס אָבער נאָך נישט, וואָס צו ענטפערען.

דער פּויפּסט אויסהערענדיג די אינטערעסאַנטע ערצעהלונג פון רב, האָט נישט קלערענדיג לאַנג, זיך גלייך אָבגערופען: עס איז קלאָר, אַז די יודען, וועלכע ס'איז איבערגעגעבען געוואָרען די שמירה איבער'ן גאָרטען און צו טויטען דעם שעדיגער פון זיינע בוימער, האָבען דערשיסענדיג דעם פּרינץ זעהר ריכטיג דערביי געהאַנדעלט און דעריבער פערדינען זיי נישט קיין שטראָף. — באַלד דערנאָך האָט דער פּויפּסט געגעבען אַ צייכען, אַז די אוידיענץ איז געענדיגט און דער רב האָט זיך געמוזט געזעגענען און פאָהרען אַהיים.

בעת דעם צווייטען באַלדיגען בעזוך פון מעץ'ער אַרציביסקופּ ביים פּויפּסט, האָט דער לעצטער איהם דערצעהלט וועגען זיין געשפּרעך מיט ר' יונתן אייבעשיץ און דערביי זיך אַזוי אַרויסגעזאָגט מיט ביטול און גרינגשעצונג וועגען דער כלומרשטער גדלות פון דעם בעריהמטען רב, וואָס האָט נישט געקענט געפונען די ריכטיגע לעזונג פון אַ געוועהנליכער נישט שווערער פראַגע, אין דער צייט, ווען ער, דער פּויפּסט האָט זיך גלייך אָריענטירט און אויפ'ן אָרט זי יאָ לאָגיש ענטשיידעט. ווען דער קלוגער אַרציביסקופּ האָט אָבער דערהערט דעם ענטפער, וואָס דער פּויפּסט האָט געגעבען דעם רב אויף זיין פראַגע, האָט ער באַלד אַ קלאַפּ געטאָן מיט זיינע הענד און אויסגערופען:

— אייער הייליגקייט! איהר זענט געפאַנגען געוואָרען אין דער נעץ, וואָס ס'האָט פאַר אייך אַזוי קונציג אויסגעשפּרייט דער יודישער רב און דערפאַר וועט איהר אויך איצט מוזען ציהען די קאָנסעקווענצען פון אייער אייגענעם ענטפער, וואָס איז גענצליך מבטל די מאָטיווען פון אייער דעקרעט אַרויסצוטרייבען די יודען פון אייער מדינה. ווייסען זאָלט איהר, אַז דעם רב'ס כלומרשטע ערצעהלונג אָדער פראַגע איז גאָר אין אמת'ן נאָר אַן אַלעגאָריש גוט-געצילטער משל וועגען אייער גירוש-דעקרעט אויף די יודען צוזאַמען מיט זיינע בעוואוסטע מאָטיווען.

און אָט דאָס איז זיין נמשל:

דער קעניג — דאָס מיינט מען דעם מלך, מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא:

דער גאָרטען, ווייטער, איז די תורה, אין וועלכען גאָט האָט פערפלאַנצט די שענסטע בוימער — די מצוות, וואָס זענען געגעבען געוואָרען דעם פאָלק ישראל צו היטען זיי. איז געקומען דעם קעניגס זוהן... און גענומען אונטערהאַקען זיי איינציגווייז, נון, איצט, לויט אייער ריכטיגען אורטייל, האָבען זיי, די היטערס פון גאָט'ס בוימער, דען נישט רעכט געהאַט איהם אונשעדליך צו מאַכען?

דער פּויפּסט האָט איינגעזעהען זיין דורכפאַל זיך שטאַרק פערשעהמט, און באַלד צוריקגעצויגען זיין בעפעהל צו פערטרייבען די יודען פון זיין מדינה.

איהר געבעט...

אַ הושענא רבה מעשה'לע

פון **** בן עמרם ****

ווען שרה'לע איז נאָך גאָר אַ קינד געווען האָט זיך שוין אָנגעהערט וועגען די וואונדערליכקייט פון די הושענה-רבה נאַכט אין וועלכער מען קען זיך אויסבעטען אַלץ וואָס מען וויל נאָר, מ'דאַרף אָבפּאַסען דעם מאָמענט, ווען דער הימעל שפּאַלט זיך...

ווען זי איז אַלט געוואָרען צעהן, עלף יאָהר האָט זי דאָס שוין געפּרובט צו טוהן, אַ קליינינקייט וואַסערע וואונשען און פערלאַנגען זי האָט געהאַט... און בעיקר, אַז מרדכי'לע דעם גביר'ס בן-יחיד'ל זאָל זיך נישט חבר'ן מיט קיין אַנדערער חוץ איהר און ער זאָל מיט איהר קיינמאָל נישט ברוגז ווערען.

און ווען עס האָבען זיך איהר אָנגעזאַמעלט אַ נישטקשהדיג ביסעל פערלאַנגען און וואונשען — האָט זי מיט אומגעדולד און האָפנונג געהאַרט אויף די הושענה רבה נאַכט, וועלכע איז בכח איהרע אַלע פערלאַנגען צו ערפיהלען...

מיט גרויס האָפנונג האָט זי זיך אַנידערגעשטעלט ביים פענסטער און אַרויסגעקוקט אין דעם פיל בעשטערנטען הימעל אַריין, ערוואַרטענדיג אַז דער הימעל זאָל זיך שפּאַלטען... און דאַמאָלס...

אָבער קיינמאָל האָט זי זיך נישט געקענט דערוואַרטען, ווייל שטענדיג איז זי אַ מידע אויפ'ן פענסטער-ברעטעל ענטשלאָפען געוואָרען.

צומאָרגענס ווען זי האָט זיך איבערגעוועקט פול מיט עגמת נפש פאַר דעם נישט קענען אָנפּאַסען דעם גרויסען מאָמענט — האָט זי זיך געגעבען דאָס וואָרט, אַז אויפסיאָהר וועט עס געשעהן...

יאָהרען זענען אַוועק. שרה'לע איז עלטער געוואָרען, אַנדערע פערלאַנגען און אַנדערע וואונשען האָבען שוין אָנגעפולט איהר האַרץ און מוח. שרה'לע ענדיגט שוין באַלד זיבעצעהן יאָהר און פונקט ווי מיט עטליכע יאָהר צוריק וואַרט זי ווידער אויף די הושענה רבה נאַכט אום אָנצופּאַסען דעם גינסטיגען מאָמענט ווען איהרע פערלאַנגען קענען ערפיהלט ווערען...

הושענה רבה ביינאַכט, ווען איהר מוטער איז געווען פערנומען מיט'ן באַקען די קוילישען און אַנדערע יום-טוב געבעקסען, און דער פאָטער איז געגאַנגען אין שטיבעל אַריין „תיקון“ זאָגען — האָט זיך שרה'לע מיט האַרץ-קלאַפּעניש אַרויסגעגנבעט פון שטוב און זיך אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק פון פאַר'ן הויז. זי זיצט און וואַרט און אויפ'ן געדאַנק קומען דערווייל פערשידענע פערלאַנגען. אָט דערמאָנט זי זיך אין מרדכי'לען דעם גביר'ס בן-יחיד'ל, מיט וועלכען זי פלעגט זיך אַמאָל שפּילען. און היינט? היינט זעהט זי איהם אַפט געהן אין בית-המדרש אַריין, אַ שוואַרץ בעקאַנ'טען מיט קליינע פאה'לעך אונטער די אויערען... לעצטענס האָט זי געהערט אַז מען רעדט איהם שוין שידוכים מיט גבירישע טעכטער פון גרויסע שטעט... אפשר, אפשר זאָל זי זיך ווינשען מרדכי'לען, ווען דער הימעל וועט זיך שפּאַלטען?

באַלד קומט אָבער אַ צווייטער געדאַנק: בעניעק דעם פעלדשער'ס, ווי וואויל פּויליש ער רעדט, וואָסערע שעהנע קאָמפּלימענטען ער קען מאַכען, ער דערמאָנט זי אינגאַנצען אין דעם „העלד“ באָלעק, מיט וועלכען זי האָט זיך ענטציקט לעזענדיג לעצטענס דעם פּוילישען ראָמאַן „דער געליבטער“... בעניעק שטעלט זיך פאַר איהר אַוועק אין זיין גאַנצער עלעגאַנץ, מיט דער שעהנער פריזור, דעם שעהנעם שילערישען אַנצוג... זי וויל פערגלייכען בעניעק'ן מיט מרדכי'לען אָבער די פאַנטאַזיע ברענגט איהר נאָר דעם העלד פון לעצטען קינאָ-בילד, וועלכער האָט אין אַ פינסטערער רעגענדיגע נאַכט אַרויסגעגנב'עט די געליבטע פון עלטערן-הויז און איז מיט איהר אַוועק איבער פעלדער און וועלדער, ביז ער איז סוף כל סוף אָנגעקומען אין דעם פאַר איהר צוגעגרייטען פּאַלאַץ...

דעם געדאַנק וויל זי מיט געוואַלד פערטרייבען, עפּעס קען זי נישט פערשטעהן ווי מען קען טאַטע-מאַמע אַזוי פיל צער פערשאַפען...

נאָך געדענקט זי גענוי ווי די מוטער, דאָרט אין קינא, האָט טרויעריג פערברענגט די יאָהרען, פריה גראה געוואָרען פאַר גרויס צער און...

שוין ווידער קלערט זי וועגען מרדכי'לען.

יאָ, ווען דער הימעל וועט זיך שפּאַלטען וועט זי טראַכטען וועגען „איהם“ און נאָכדעם ווי ער וועט שוין זיין „איהרער“, וועט זי איהם פּוילישע ביכער געבען צו ליינען און ער וועט באַלד קענען רעדען אַזוי ווי בעניעק דעם פעלדשער'ס...

אין מיטען דעם טראַכטען האָט זיך גרויסע שטערען פון הימעל אָפּגעריסען און צו דער ערד געפאַלען און נאָך איהם אַ גאַנצע רייה שטערענדלעך. און שוין האָט זיך שרה'לען געדאַכט אַז דער הימעל שפּאַלט זיך, און איהרע חלומות און פערלאַנגען ווערען פערווירקליכט...

אָבער אין דער זעלבער מינוט האָט זיך אַ געשריי פון דער גאַס דערטראָגען, אַ געשריי אַז ס'ברענט... פאַר גרויס שרעק האָט שרה'לע אין אַלע איהרע חלומות און פערלאַנגען פערגעסען, שנעל גענומען לויפען אין שטוב אַריין ראַטעווען...

איצט איז שרה'לע שוין אַן עלטערע פרוי און ווייטער היט זי יעדעס יאָהר אָב די הושענה-רבה נאַכט, ווען די הימלען וועלען זיך שפּאַלטען ווייל זי ברויך דאָס זעלבע צו בעטען וועגען אַ שידוך פאַר איהר טאָכטער...

און ווער ווייסט אפשר אין יאָהרען אַרום, ווען זי וועט שוין אַן אַלטע באָבע זיין וועט זי דאָס זעלבע טון פאַר איהרע אייניקלעך... ווייל זי איז פון קינדערווייז אָן געוואוינט צו בעטען דאַמאָלס ווען די הימלען שפּאַלטען זיך.

שמחת בית השואבה

אַמאָל אין אַלעקסאַנדריען של מצרים

זעהר אינטערעסאַנט ווערט געשילדערט די פּראַכט און העררליכקייט פון שמחת בית השואבה אין אַלעקסאַנדריען פון מצרים, וואו יודען האָבען געפייערט.

אין אַלעקסאַנדריען איז געפייערט געוואָרען שמחת בית השואבה אין דעם בעריהמטען יודישען פּאַלאַץ, וואָס זיינס גלייכען אין שעהנקייט און גרויסקייט איז נישט געווען אויף דער גאַנצער וועלט.

בשעת דער שמחה, איז גאַנץ אַלעקסאַנדריע געווען בעלויכטען און אילומינירט, אין די אָרעמיגע דערפער האָט מען ביים שיין פון די ליכטער געקאָנט לעזען אַ בריף.

בשעת דער שמחה בית השואבה זענען אַרומגעגאַנגען דעם זאַל צוויי מאָל ששים רבוא יודען. דאָס הייסט איין מיליאָן און צוויי הונדערט טויזענד. צוויי מאָל אַזוי פיל יודען, וויפיל עס איז געווען די צאָהל פון יוצא מצרים.

חוץ יודען זענען געקומען גרופּען, פירשטען און האַרען פון אַנדערע פעלקער זעהען די העררליכקייט פון דעם יודישען יום-טוב און האָבען זיך מיטגעפרעהט מיט אַלע יודען גלייך.

דאָ אין פּאַלאַץ זענען געשטאַנען אַוועקגעשטעלט איין און זיבציג קאַטעדרעס — אָדער גרויסע שטוהלען, וואָס זענען געווען בעשטימט פאַר איין און זיבציג סנהדרין גדולים, וואו זיי זאָלען זיצען.

אַ יעדער קאַטעדער — אָדער שטוהל, האָט בעוואויגען — נישט ווייניגער ווי איין און צוואַנציג צענטנער גאָלד.

די ווייטערע בענק און זיץ-פּלעצער זענען געווען איינגעטיילט פאַר אַלע קאַטעגאָריעס בעלי-מלאכות, און אַ יעדער — אַזויגערופענע — אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט בעשטימט איהר פּלאַץ, וואו זי זיצט אַן'אויפשריפט האָט געזאָגט: דאָ זיצט די און די אָרגאַניזאַציע.

אַזוי זענען געזעסען אין בעזונדערע גרופּען: גאָלדשמידען, זילבערשמידען, אייזען-שמידען, בערג-אַרבייטער און וועבער — און שפּינער.

אינמיטען פון פּאַלאַץ איז געווען אויפגעשטעלט אַ גרויסע „בימה“, פון האָלץ.

דאָ איז געשטאַנען דער חזן און האָט מתפלל געווען, געזונגען שירות ותשבחות.

אין זיין האַנד האָט ער געהאַלטען אַ פאָהן — און ווייל דער עולם איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט דעם חזן נישט געקאָנט הערען — זענען אַלע אויגען געווען געקעהרט צו דער מיטען פון דער בימה, וואו דער חזן איז געשטאַנען.

ווען דער חזן האָט פערענדיגט אַ ברכה און דאָס פאָלק האָט בעדאַרפט זאָגען „אמן“ — האָט דער חזן געפאָכעלט מיט דער פאָהן.

דאָס גאַנצע פאָלק האָט געוואוסט, וואָס דאָס בעטייט און אַלע האָבען ווי פון איין מויל געזאָגט אמן.

— — — — — — — — —

בתראי — זאָגט: ווער עס האָט נישט געזעהען דעם יודישען פּאַלאַץ אין אַלעקסאַנדריען און די שמחה בית השואבה דאָרט, דער האָט נישט געזעהען דעם יודישען כבוד“.

און אביי — ער געהט נאָך ווייטער:

„ווער עס האָט נישט געזעהען דעמאָלט ירושלים אין איהר פולער פּראַכט און העררליכקייט, האָט קיינמאָל קיין פּראַכט גאָרטען פאַר די אויגען נישט געזעהען.

„ווער עס האָט נישט געזעהען קיין פּראַכט און העררליכקייט פון בית המקדש, אַ אויסגוס פון ימים שעהנקייטען פון דער וועלט, דער קען נישט פערשטעהן, וואָס שעהנקייט איז“.

—000—

דער „הוליאַק"! (שמחת-תורה-דערצעהלונג)

פון יצחק אראנסקי

א גאַנץ קיילעכדיג יאָהר לאָזט זיך איציק-יונה, דער קרומער שוסטער, נישט הערען אין שטעטעל, צוגלייך מיט אַנדערע טאַנדעטניקעס, חברים פון זיין פאַך, ער זיצט טאָג און נאַכט אויף זיין קיילעכדיגען דריי-פיסעלדיגען שוסטער-בענקעלע און אַרבייט שיך און שטיוועל פאַר די דאָרפישע פויערען און פויערטעס. פון די שטעטעלדיגע איינוואוינער פערבלאָנדזשעט זעלטען ווער אַמאָל צו איהם, און דאָס אויך מיט אַ „גאַפּראַווקע", וואָס אויף איציק-יונה'ס לשון הייסט עס „הוזריי".

געווען אפילו אַ צייט — א סך יאָהרען אין רעם — וואָס ער, איציק-יונה, איז געווען דער הויפּט-שוסטער אין שטעטעל, זיינע אַ פּאָר קאָר מאַשלער פלעגט מען אויף חידושים אַרומטראָגען, וואָס איז אָבער אַלץ געווען רעמאַלט, ווען מ'האָט נאָך אין שטעטעל פון קיין מאָדעס נישט געוואוסט. ווענען אָבער אונטערגעקומען נייע צייטען מיט שפּאָגעל-נייע מאָדעס און די שטעטעלדיגע-בעוואונערס די יונגוואַרג — האָבען געוואָרפען אַנ-אומחן אויף איציק-יונה'ן מיט זיין אַרבייט.

פון יענער צייט זענען שוין פיל יאָהרען אַוועק און מיט נאָך אַ מעהר שוואַרצערען פּאַסיק און מעהר האָט מען נישט בעדאַרפט, אַלע קונדען האָבען זיך מיט איינמאָל אַריבערגעקליבען צום אַ קאָפּ שוואַרצע קודלעס, מיט אַ שוואַרץ העמדעל מיטן נאָמען טאַנדעטניק.

עס איז אַראָפּגעקומען אַ נייער שוסטער אין שטעטעל אַריין, אַ הויכער, געזונטער יונג מיט נייעם שוסטער און איציק-יונה'ן האָט מען אין גאַנצען אויסגעמיטען. אַ לאַנגע צייט האָט איציק-יונה געאַרבייט „מעשים" אַקעגען דעם נייעם קאָנקורענט זיינעם, אויך זי, איציק-יונה'כע, האָט „וועלטען איינגעלייגט", דאָס מויל האָט זיך נאָר ביי איהר נישט פערמאַכט פון צו שעלטען, זי האָט תמיד געדראָהט, אַז זי וועט איהם, דעם „לאַנגען דראָנג", יעם מיאוסן שוסטער-יונג, מיט די נעגעל די אויגען אויסקראַצען, מיט אַ הייסען „אַסרופ" איהם דעם פּרצוף אָפּקאָכען.

ס'האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפען, די מאָדע האָט אויסגעפיהרט איהרס, זעליג דער לאַנגער (אַזוי רופט מען איהם אין שטעטעל) איז געקרוינט געוואָרען פאַרן הויפּט-שוסטער און איציק-יונה — און איציק-יונה האָט אפילו נישט קיין טענות צום רבונו-של-עולם. ער ציהט די הויזנה פון דאָרפישע אַרבייט, נאָר ווען ער נעמט זיך אַמאָל דערמאָהנען זיין אַמאָליגען כבוד אין שטעטעל, קרענקט עס איהם ביז גאָר.

שטאַרק אויפגעטראָגען איז ער אויף די שטעטעלדיגע בעלי-בתים, ווייל לויט זיין מיינונג, וועלכע ער זאָגט אָפטמאָל אַרויס פאַרי וויב, איז זעליג דער לאַנגער נישט אויף אַזוי פיל שולדיג — יעדער וויל פּרנסה — ווי זיי, דאָס קהל, וואָס האָט איהם אַזוי מיאוס פערראַטען און ער זעהט טאַקע ווי ווייט מעגליך זיי אויסצומיידען, קומט זיך מיט קיין איינעם פון זיי נישט צונויף און לאָזט זיך אַ גאַנץ קיילעכדיג יאָהר נישט הערען אין שטעטעל.

איין טאָג אין יאָהר אָבער, קאָן מען זיך אין שטעטעל אָן איהם נישט באַגיין, רעמאַלט לעבט ער אויפסניי אויף, ווי אין די אַמאָליגע גוטע צייטען: און דאָס גיט איהם צו מוט און מ'רייסט פאַרן גאַנצען יאָהר, דאָס איז דער שמחת-תורה-טאָג, וועלכען ער, מיט זיינע קאָמישע קונצשטיק און משוגע'דיגע העוויות, גיט צו אַ בעזונדערען טעם און חן און ווילט רעמאַלט דאָס גאַנצע שטעטעל. אין יענעם טאָג איז ער מוחל די שטעטעלדיגע אויף אַלע דורך זיי איהם געטוענע עוולות און אפילו אויף זעליג דעם לאַנגען, דעם ערגסטען שונא זיינעם. לאָזט ער אָפּ זיין ביטער האַרץ און זעהט מיט איהם שלום אויף אַ ווייל. נישטאָ אין שטעטעל נאָך אַזאַ הוליאַק, ווי ער איז, און מ'רופט טאַקע אַנדערש, ווי איציק-יונה דער הוליאַק.

אין שמחת-תורה-טאָג האָט ער שוין זיין אויסגעשטעלטען פּראָגראַם. דאַוונען געהט ער גאַנץ פריה אין גערער שטיבעל, ווייל דאָרט דאַוונט דער רב און ער האַלט פאַר אַ מצוה איהם משמח זיין. צוריק פון שטיבעל געהט ער בראש פון דער גאַנצער עדה יורען — ליטער גערער חסידים — טאַנצט מיטן קרומען פוס אַקעגען איבער דעם רב, דאָס היטעל פערדרייט אויף דער לינקער זייט, ביידע עקען פון דער קאַפּאָטע צעפליהען זיך און די זייטען, ער פּלעסקעט מיט די הענט, ברומט מיט'ן נאָז און מאַכט אַזעלכע משונה'דיגע העוויות, אַז דער עולם קאַטשעט זיך פון געלעכטער און חברה'ס יונגוואַרג זינגען צו:

איציק-יונה דער הוליאַק,
מיט'ן פיסעל האָפּטשיק-טשאַק,
שישו ושמחו. טיק-טאַק-טאַק

די אמת'ע קונצשטיק ווייזט ער ערשט אַרויס ביים רב אין שטוב בעת'ן קידוש, ווען ער האָט שוין אין זיך אַריינגענאָסען היבשע עטליכע כוסות, ער טאַנצט רעמאַלט אויפן טיש איבער ליידיגע פלעשער, פאַרשטעלט פאַר אַ ציגיינער, אויסשמירענדיג דערביי דאָס פּנים מיט סאַזע, רעדט אויף אַ מין ציגיינער-לשון, וואָס איז שווער תופס צו זיין, אָדער ער פאָהרט גאָר רייטענדיג אויף אַ בעזים און קרייעט ווי אַ האָן. כמעט דאָס גאַנצע שטעטעל שטעהט רעמאַלט הינטערן רב'ס פענסטער און מען כיכיקעט אויפ'ן קול: „אָט אַ הוליאַק! איציק-יונה דער הוליאַק!" נאָר דער עולם חסידים לאָזט זיך נאָך אַלץ נישט בעגנוגענען און מ'שרייט צו איהם שוין רעכט בגילופנדיג: „איציק-יונה, אַ קאַזאַקל! איציק-יונה, שישו ושמחו בשמחת תורה!"

רעמאַלט וואַרפט ער אַריין נאָך אַ פּאָר כוסות, פערגלאָצט די אויגען צו דעם באַלקען און שטעלט אַזאַ פאָדערונג: „מ'זאָל איהם ברענגען צו פיהרען דעם „פּאַסאָן" (דאָס מיינט ער: זעליג דעם לאַנגען), אויב נישט, איז זיין נאָמען נישט איציק-יונה הוליאַק, אויב ער רירט זיך פון אָרט און דער פערלאַנג זיינער ווערט טאַקע באַלד דערפילט. אויף כוח ברענגען אַ פּאָר חברה-לייט צו שלעפּען זעליג דעם לאַנגען, איציק-יונה גיסט אָן צוויי גרויסע טיי-גלעזער מיט בראָנפען, איז מכבד מיט איינער זעליגן מיט דער צווייטער זיך און טרינקט „לחיים":

— „לחיים זעליג! ס'זאָל אַ רוח אין דיין טאַטענס-טאַטען אַריין, דו האָסט מיך געקוילעט, גזלן איינער, מיט'ן פּאַסאָן, מיט דיינעם! נאָר טרינק, ברודערקע! ס'איז היינט שמחת-תורה אויף דער וועלט".

און אַריינגיסענדיג די כוסות, נעהמט ער און טערבראָמען אַ נייע זמר'ל, פערשאַרט די פּאָלעס און לאָזט זיך געהן אַ קאַזאַקל, חברה זינגט אונטער און איציק-יונה שטעלט פיס, חידושים צו זעהן.

מיט'ן רב'ס קידוש ענדיגט זיך נאָך ביי איהם נישט דער טאָג. ער שטעקט אָפּ אַ וויזיט פאַר חברה טאַנדעטניקעס — חברים פון זיין פאַך, ביי חברה ציוניסטען, ביים גבאי פון זיין בית-מדרש, ער שטעלט אומעטום דעם עולם און מ'שעפּט נחת פון איהם — דעם הוליאַק.

מיט גרויס מיה קומט אָן דעם וויב זיינעם, איציק-יונה'כען, ביז זי שלעפּט איהם. פאַרנאַכט שוין, אַוועק פון ערגעץ אַ קידוש און פיהרט איהם אונטער'ן האַנד אַהיים. זי האָט געבער רעמאַלט אַ פול האַרץ אויף איהם, וואָס ער איז זיי משמח, די גזלנים און בעזונדער איהם — זעליג דעם לאַנגען, [illegible] פאַרט שמחת-תורה.

זומאַרגענס זיצט שוין איציק-יונה דער הוליאַק אַנ'אויסגעניכטערטער אויפ'ן דריי-פיסעלדיגען מיט'ן שפּעסעך-פעלכעל בעצויגענעם, שוסטער-בענקעלע. ער אַרבייט אַ פּאָר שיך פאַר אַ דאָרפישען פויער, אַנ'אָפּגעזאָרגטער, אַליין מיט זיינע בני-בית און לאָזט זיך אַ גאַנץ קיילעכדיג יאָהר אין שטעטעל נישט הערען. ש

דערמיט איז פערענדיגט די מעשה...

(אַנ'אַלטע געשיכטע)

הינטער הרי-חושך און אַמאָל געווען אַלאַנד
(לאַנג שוין פון דער לאַנד-קאַרטע פערשוואונדען) —
האָט געוועלטיגט דאָרט אַ קעניג מיט אַ פעסטער האַנד,
פון די בירגער פראַסט די הויט געשונדען.

גרויס זענען געווען די הוצאות פונ'ם לאַנד
וואָס אַ יאָהר אַלץ מעהרער אָנגעקוואָלען,
האָט דער קעניג שטייערען געריסען נאָכאַנאַנד,
און געצוואונגען זיינע בירגער רק צו צאָהלען.

שרי-מסים, וואָס אויף דער מאָדערנער און נייער שפּראַך
זייער נאָמען איז סעקוועסטראַטאָרען.
זענען זיי געטריי געשטאַנען אויף דער וואַך,
און פערביטערט אַלע בירגער פראַסט די יאָהרען.

וואָס עס האָט אַ בירגער נישט געטון,
וואו אַ ריהר, אַ קעהר זיך נאָר געגעבען,
האָט מען שטייער-אָפּצאָהלען געריסען אַלץ פון איהם.
פאַר וואַסער, לופט און ליכט, פאַר לייב און לעבען.

און דעם קיניג איז נאָך ווייניג אַלץ געווען,
ס'פלעגט איהם אַלץ צו די הוצאות פעלען
און געהייסען האָט ער מאָנען אַלץ מיט מעהרער ברען,
און געשיקט האָט ער אַלץ שטרענגערע בעפעלען.

געקומען זענען דאַן די שרי-מסים צום פערהער,
פון זייער טעטיגקייט איהם אָפּגעבען בעריכטען:
— אדוני קעניג, ס'איז שוין מאָנען זייער שווער,
עס זענען שוין פעראָרימט אַלע שיכטען:

עס איז דאָס לאַנד שוין אָפּגעשטאָרבען. טויט,
די בירגער ווייגען, און פערשילטען זיך דאָס לעבען —
נאָר דער קעניג לאַכט זיך אויס פון זייער רייד:
— וויבאַלד זיי ווייגען, האָבען זיי נאָך, וואָס צו געבען!

און אַריבער ווידער איז אַ קורצע צייט.
ס'קומען ווידער די סעקוועסטראַטאָרען:
— אדוני קעניג, ווי דאָס לאַנד איז גאָהענט און ווייט
ווייגען אַלע און פערשילטען זיך די יאָהרען!

און דער קעניג לאַכט זיך אַלץ נאָך אויס,
און ער טוט זיי ווידער צו די בירגער שיקען
— גייט און קוועטשט פון זיי וואָס מעהר אַרויס,
וויבאַלד זיי ווייגען, הייסט עס אַז מען קען נאָך דריקען!

און ווידער איז אַ קורצע צייט אַוועק.
צום קעניג קומען די סעקוועסטראַטאָרען ווידער,
זיי פאַלען צו דעם קעניגס פיס מיט שרעק.
און ס'נעמט אַרום אַ ציטער אַלע גלידער:

— אדוני קעניג, ס'איז אַ מערקווירדיגע נייעס,
ס'לאָזט זיך מיט די בירגער איצט שוין גאָרנישט מאַכען,
מיר מאָנען שטרענג ביי זיי ענערגיש און מיט פלייס,
און זיי ווייגען שוין נישט מעהר — זיי לאַכען!

און אַז דער קעניג האָט די נייעס דערהערט,
איז איהם קאַלעמוטנע שטאַרק געוואָרען:
— זיי ווייגען נישט? זיי לאַכען נאָר פערקעהרט?
ווייזט אויס, זיי האָבען ווירקליך איצט שוין אַלץ פערלוירען!

וויבאַלד זיי לאַכען שוין, איז הייסט עס טאַקע אויס,
און ס'ווערט משמעות, שוין נישט העלפען קיינע נייעסן — —
אַ פלעקעלע אַריין, און נאָך אַ פלעקעלע אַרויס,
און ס'איז דערמיט פערענדיגט אונזער מעשה.

דוד'ל

דאס לעבען פון א יידישער אקטריסע

דערצעהלט פון דער בעריהמטער שוישפילערין עמיליע אדלער
געשריבען ספעציעל פאר'ן נייעם פאלקסבלאט" פון זלמן זילבערצווייג

XVI

צוליב בענקשאַפט שיער נישט בעצאָהלט מיט'ן לעבען. — די פילאדעלפיער טרופע-משה, דער שפּעטערדיגער מאָריס שוואַרץ — בעטי פרענק אַלס וואונדער-קינד. — די גרינדונג פון אַ צווייטען אַקטיאָרען-יוניאָן. — דער „קבלת-פּנים" פון סערא אַדלער-מיין „בע-קאַנטשאַפט" מיט יעקב גאָרדין. — דער הימעל וויינט אויף זיין טויט. — ווידער צוריק קיין אייראָפּע

אין יאָהר 1908 זענען מיר אָנגעקומען מיט דער „בליכער" אין אַמעריקאַ. די רייזע האָט געדויערט 10 טעג, וואָס איז פאַר יענער צייט געווען נישט קיין סך. ווי איז אָבער, אַז מען בענקט? האַמאָלט זענען 10 טעג אַזוי לאַנג ווי 10 יאָהר. און אַזוי איז עס געווען מיט מיר — איך האָב אומגעהויער געבענקט נאָך מיין מאַמען און נאָך מיינע געשוויסטער. מיין בענקשאַפט איז געווען אַזוי שטאַרק, אַזוי כ'האָב זיך נישט געקאָנט קאָנטראָלירען און כ'האָב איינינגע מאָל זיך געווענדעט צום קאַפּיטאַן פון דער שיף, אַז ער זאָל זי צוּאיילען און גאָנג.

איצט ווען איך דערמאָן זיך און וועס, מוז איך שמייכלען איבער מיין נאַאיוויטעט, צו פערלאַנגען, אַז מען זאָל לאָזען שנעלער פאָהרען אַ שיף דערפאַר ווייל איך וויל וואָס שנעלער זעהען מיין מאַמען און זיך אַביסעל אויסוויינען אויף איהר ברוסט.

אָבער רעמאַלט, מיט 22 יאָהר צוריק, בין איך דאָך אַביסעל יונגער געווען און פאַר רעם עלטער און וועלכען איך בין רעמאַלט געווען האָט עס געפּאַסט צו זיין אַזוי נאַאיוו...

פערשטעהט זיך, אַז דער קאַפּיטאַן האָט מיר צוגעזאָגט און יעדעס מאָל, ווען איך האָב פערלאָזט זיין שטייער-בורע, האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אַז די שיף גייט טאַקע שנעלער. עפּעס האָט זיך מיר אויס געדאַכט, אַז די כוואַליעס טאַנצען שנעלער און אַמ-אָט וועל איך זעהען מיין מאַמען, אָבער דאָס האָט זיך מיר נאָר אויסגעוויזען. און דעריבער. ווען עס איז געקומען ענדליך דער טאָג, וואָס מיר זענען צוגעקומען צום ניו-יאָרקער פּאָרט און איך האָב פונדערווייטענס דערזעהן מיין פאַמיליע, האָב איך שנעל אַרויסגעשטעלט מיין קאָפּ דורך אַ רונדיג פענסטערל און ווי מיט אַלע כחות בעגריסט. און דאָ איז ממש געשעהן אַ נס, ווארום די שיף האָט זיך רעמאַלט אַריינגעדרעהט אין פּאָרט און ווען מען שלעפּט מיך נישט אַרויס און לעבטען אויגענבליק פון פענסטער, וואָלט איך זיכער מיין קאָפּ פערלוירען.

מיר זענען באַלד אַנגאַזשירט געוואָרען אין פילאַדעלפיע אין אַרטש. סטריט טעאַטער. די מעדנעדזשערס זענען געווען מייק טאָמאַשעווסקי און ג[...]ובער. די קאָמפּאַניע איז געווען אַ ריזיגע. כמעט אַלע ערשטע אַמפּלואַ זענען געווען 2 אַקטיאָרען. יעקב זילבערט און מאַקס ראָזענטאַל זענען געווען די דראַמאַטישע העלדען. קלאַרא ראַפּאַלאָ און סעמי קעסטין, סעם קעסטנים פרוי, וועלכע שפּילט לעצטענס נישט מעהר, זענען געווען די אָפּערעטער פּרימאַדאָנעס. ליזאַ זילבערט און איך — זענען געווען די ערשטע דראַמאַטישע אַקטריסעס. סעם קעסטין און רושיקאָף פרענק — די קאָמיקער, פּאַבינע ווינבלאַט און פעני טאָמאַשעווסקי — די סובּרעטינס, עטאַ שאַרפּאַן-אַדלער און הענה פּיינק — די כאַראַקטער-שוישפּילערינס, זילבערט און יד ליוס — יונגע דראַמאַטישע ליבהאָבער, משה'לע גאָלדבערג און אַנשעל שאָר — כאַראַקטער-ראָלען און משה (ער האָט נאָך דאַמאָלט נישט געהייסען מאָריס) שוואַרץ — קליינע, נעבעך-ראָלען. אָבער כאָטש ער האָט אין דער טרופּע געשפּילט אַ קליינע, אומפּערזענליכע ראָל, האָט ער אָבער געצויגען אויף זיך אויפמערקזאַמקייט מיט זיין ענערגיע, וואָס איז פערבליבען ביי איהם ביז צום היינטיגען טאָג. טראָץ זיינע פערשידענע אָנשטרענגונגען און אָפּטע שווערע טעג. מען האָט געוועהן, אַז אין דעם יונגענמאַן ברויזט און קאָכט אַ טאַלאַנט, וואָס לאָזט איהם נישט רוהען. ער פלעגט זיך ממש „ייסען" אויף „אָוועגרען". ווי זאָגט שלום-עליכם: „וואו מען האָט איהם נישט געוויזט. דאָרט איז ער געוואַקסען". וואו ס'איז נאָר פאָרגעקומען וועלכע עס איז אונטערנעהמונג, איז ער באַלד געקומען און אַרויסגעטראָטען מיט אַ דעקלאַמאַציע אָדער אַ מאָנאָלאָג און שטענדיג געהאַט ערפאָלג.

נחום ראַקאָוו, וועלכער איז שפּעטער זעהר פּאָפּולער געוואָרען מיט איינינע זיינע פּיעסען, בעזונדערס מיט זיין „תלמיד-חכם", איז געווען סופלער. דוד קעסלער און טאָמאַשעווסקי פלעגען אָפט צוקומען אויף גאַסטראָלען און פלעגען אויפפיהרען זייערע ניו-יאָרקער פּיעסען. זיי האָבען זיך אָפט אויסגעדריקט, אַז זיי קומען נישט צו אונז צוליב ביזנעס, ווייל זיי האָבען אַ נייטיגען געגנער, ווי אַזוי אונזער פערסאָנאַל שפּילט זייערע אַ פּיעסע. אויך בערטאַ קאַליש איז ביי אונז אויפגעטראָטען צוזאַמען מיט קעסלער'ן און זורערמאַנ'ס „די היימאַט".

ראָזאַ זילבערט, וועלכע איז מיט איינינע יאָהר צוריק געשטאָרבען מיט אַזאַ טראַגישען טויט האָט רעמאָלט געשפּילט קינדער-ראָלען. זי איז געווען זעהר אַ שעהן קינד און האָט געהאַט ערפאָלג. אָבער פּונקט אַזוי ווי אין אַלע אַמפּלואַס, האָבען מיר אויך דאָ געהאַט אַ ראַפּעלטע ראַליסטקע — דאָס איז געווען בעטי פרענק. אַ זעלטענע קינדער ראָלען פלעגט זי אויפטרעטען אין ערשטע דער וואַקסענע ראָלען. אַזוי האָט זי געשפּילט דעם „ישיבה-בחור". איך האָב געשפּילט „אסתרקע„. פערשטעהט זיך, אַז מיר זענען נישט געווען קיין פּאָר. אָבער דאָס האָט זיך נאָר געמערקט ביז זי האָט אָנגעהויבען שפּילען.

(המשך קומט).

הומאר — דער הונדס — סאַטירע

צוזאמענגעשטעלט — לכבוד סוכות — דורך א. שארפּצינגעל

וואָך=פּאָליטיק

וואָס הערט זיך אין דער פּאָליטיק ?

אין די דיפּלאָמאטישע קרייזען וויל מען איצט בכלל נישט רעדען וועגען פּאָליטיק, מען וואַרט זעהט אויס ביז עס וועט איבערגעהען דער יודי־שער סכּות.

אַזוי לאַנג ווי עס איז יום־טוב, ווילען פּאָ־ליטיקער קיינעם נישט שטערען די רוה מיט פּאָ־ליטיק־קלאפּעריי.

עס איז גאנץ גלייך אַזוי, זיי וועלען צייט האָבען אַ גאַנצען ווינטער צו דולען די קאָפּ מיט זייערע דיפּלאָמאַטישע און פּאליטישע הוידערייען.

אונזערע פּאָליטיקער זענען לעצטענס, ווייזט אויס, געוואָרען גאָר וואָשנע הומאניטאר גע־שטימט. מען זעהט יודען פרעהען זיך, ס'איז שמחת תורה אויף דער וועלט, טא צו וואָס שטערען אַזאַ שמחה.

עס קומט זיי דערפאַר אַ קניפּ אין בעקעל. דעם ערשטען קניפּ גיבען מיר זיי.

הושענא

הושענא — אַז אַ קונה זאָל זיך בעווייזען אין געוועלב — הושענאָ.

הושענא — אַז מען זאָל מיר פּראָלאָנגיר'ען די וועקסלען — הושענא.

הושענא — אויף אַנ'אויסגלייך אויף פינף און צוואַנציג — הושענא.

הושענא — איך זאָל נישט קומען אין טור־מע — הושענא.

הושענא — דער עקזעקוטאָר זאָל נישט קו־מען — הושענא.

הושענא — כ'זאָל טון אַ גוטען שידוך מיט דער טאָכטער — הושענא.

הושענא — דער חתן זאָל מיר נישט פער־דרעהען דעם קאָפּ — הושענא.

הושענא — וואָס טוט מען ווייטער — הושענא

הושענא — וואו ענטלויפט מען — הושענא.

אני והו הושיעה נא.

הקפות

„אַתה הראת לדעת"
איך האָב אַ ווייב
איז זי א מרשעת
נעהם איך א שטעקען
און שלאָג אַזוי :
„אין עוד מלבדו".
איך האָב אַ שוויגער
איז זי אַ שד
טאָג און נאַכט
ליגט זי אין בעט
ליגט שוויגער לעבען
ליגט תמיד אזוי —
„אין עוד מלבדו".
איך האָב אַ שווער
אַ יוד אַ שעהנער ,
ער ברעכט דער שוויגער
גאָר די ביינער.
יישר כוחך ! „אין כלוך"!
און טאַקי — „ואין כמעשיך!"

הושענה=רבה

מען שלאָגט הושענות אויפ'ן ערשטען ריי מיט פּראָטעסטירטע וועקסלען.

די פעלקער־ליגע שלאָגט הושענות מיט די האַרמאַטען און שראַפּנעלען ,מיט וועלכע די וועלט בעוואָפענט זיך צום שלום, ווייל ווען זיי אליין וועלען אָנהויבען צו קלאַפּען הושענות וועט ווערען ערגער.

חוץ הושענות שלאָגען דאַרף מעי נאָך עסען קרעפּלעך אויך, נאָר אויף דעם זענען פערהאַן בעזונדערע מנהגים.

שמיני עצרת און שמחת תורה

אַז עס איז נאָך נישטאָ קיין שניי, קאָן מען גיין צו די הקפות אָהן קאַלאָשען. אויב עס איז גרויסע רעגענס און די יום־טובים פאַלען נישט אויס שבת קאָן מען מיטנעהמען רעגענשירעמס. דעם רעגענשירעם קען מען אָבער נישט בענוצען אַלס פאָהן צו די הקפות.

מאָל און היינט

זיצט אַ יוד שמחת תורה און וויינט ביטער, פרעגט מען איהם :

— וואָס וויינט איהר אַזוי ?

— ווי זאָל איך נישט וויינען ? אַמאָל איז די תורה געווען טייער און שנאַפּס איז געווען ביליג און היינט איז שנאַפּס טייער און די תורה איז ביליג.

געקומען נישט אין צייט

זרח : — איך בין, נאַטירליך, צופרידען, ברוך, וואָס דו ביזט צו מיר היינט געקומען. עס וואָלט אָבער, נאָך בעסער געווען, ווען דו וואָלסט געקומען צו מיר נעכטען.

ברוך : — פאַרוואָס עפּעס נעכטען ?

זרח : — ווייל נעכטען בין איך אין דער היים נישט געווען.

שמחה וששון

שמחה איז א גוטע זאַך,
אָבער גאָר אַ גוטע !
חוץ דער שמחה אַלץ איז ווערט,
אָסור, אויב אַ פּרוטה...

אָהן דער שמחה אַלץ איז בלאָס,
האָט קיין טעם און ריח —
איז אַ שמחה וואו פערהאַן
פויל איך זיך נישט... גיי איך...

גיי איך — פריי איך אויך זיך מיט :
קליינע שמחות, גרויסע —
אומעטום — געלעגענהייט
דאָ איז אויף אַ כוסה...

איי, לחיים, יודעלעך !
שמחה איז אַ — סחורה,
און ווער רעדט נאָך, אז עס קומט
שמחה,... שמחת תורה...

אָט די פרייד פון אַלע !
איבער אלע שמחות איז
אויף דער שיינער כלה...
און חרטה האָט מען נישט

איטליכער געניסען קאָן,
זיין פון איהר צופרידען !
וואויל איז שמחת — תורה - פרייד,
אַז מען איז נאָר... יודען !

יאָקעל בן פלעקעל.

— די הויזען וועל איך פערזעצען און אַ דעפּוטאַט מוז איך ווערען !

זי האט איהם געפאקט

סאמועל האָט זיך שטענדיג געהיט פאַר זיין פרוי ער זאָל איהר ח"ו נישט דערצערנען, דערי־בער אַז ער פלעגט ערגעץ־וואו פערברענגען אין אווענט, איז ווי ער האָט נאָר געזעהען אַז עס ווערט אַביסעל שפּעט, האָט ער זיך באַלד געגעבען אַ הויב אויף, שנעל זיך געזעגענט און אַהיים געלאָפען. עס האָט גאָר נישט געהאָלפען וואָס מען האָט איהם געבעטען אַז ער זאָל נאָך פערברענגען א שעה עס איז נאָך פריה. ער האָט געוואוסט אַז ער מוז שוין אַהיים געהן, ווייל ער האָט געציטערט פאַר זיין פרוי.

אָבער איינמאָל האָט ער פערבראַכט ביי זיינער אַ בעקאַנטער, ער האָט זיך זעהר גוט געוויילט און האָט גאָרנישט בעמערקט אַז עס איז שוין שפּעט.

ווען ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער מוז גיין, איז שוין געווען דריי אַ זייגער ביינאַכט. ער האָט זיך זעהר דערשראָקען, וואָס פאַר א תירוץ וועט ער זאָגען זיין פרוי ? ער זעהט אַז ס'איז שלעכט, אָבער העלפען קען ער זיך נישט.

ער האָט זיך, שנעל געזעגענט און געלאָפען אַהיים.

מיט א שווער געמיט איז ער געגאַנגען איבער די שטילע גאַסען. ווער ווייסט — טראַכט ער זיך — וואָס ער וועט קריגען פון זיין בייזער פרוי.

שטיל קומט ער צו צו דער טיר, ער שליסט אויף געלאַסען, ער געהט אריין אין דעם ערשטען צימער, ער כאַפּט אַ קוק אויפ'ן זייגער : עס איז שוין האַלב פיר. הלואי — בעט ער — מיין פרוי זאָל זיך נישט אויפכאַפּען.

ווען ער קומט אָבער אַריין צו זיין פרוי אין שלאַפצימער, כאַפּט זי זיך אויף : סאמועל, — רופט זי — וואָס ? ווי שפּעט איז ? — עלף אַ זייגער — כאַפּט ער זיך אַרויס, — אַזוי, זאָגט זי. איך האָב געמיינט אַז עס איז שוין גוט שפּעט.

ער איז צופרידען, וואָס עס איז אָפּגעגאַנגען אזוי גלאַטיק און נעמט זיך לייגען שלאָפען. אין דעם, די פרוי הויבט אָן צו קרעכצען.

— וואָס איז, רעגינע, פרעגט ער.

— אוי דער קאָפּ, אוי מיין קאָפּ — שרייט זי.

— אפשר דערלאַנגען דיר דיינע פּראַשקעס.

ער הויבט זיך אויף און געהט איהר געבען די פּראַשקעס. אין דעם הויבט זי אָן נאָך העכער צו שרייען : — אוי. — דו האָסט גאָרנישט קיין רחמנות אויף מיר, דו שלעפּסט זיך אַרום מיט דיינע שטעק־שיך, און מיר נעמט דאָס דעם קאָפּ אַראָפּ, לייג זיך שוין אַמאָל אַנידער און זאָל זיין שטיל.

— נו, גוט, איך לייג זיך שוין. ער לייגט זיך שלאָפען שטארק צופרידען, וואָס עס האָט זיך אַזוי אויסגעלאָזט, וואָס אַנשטאט צו שרייען אויף איהם שרייט זי אויפ'ן קאָפּ.

פלוצלונג זי הויבט אָן ווידער צו קרעכצען :

— אוי, מיין קאָפּ, וואָס קלאפּסטו אַזוי.

— ווער קלאַפּט ־־ ענטפערט ער — עס איז דאָך שטיל, מען הערט דאָך נאָר דאָס קלאַפּען פון זייגער אין יענעם צימער.

— אָבער מיר האַקט דאָך דאָס אין קאָפּ.

— נו געה איך צו צום זייגער און וועל איהם שטעלען.

ער געהט אריין אין ערשטען צימער און שטעלט דעם זייגער.

אינדערפריה וועקט איהם אויף זיין פרויס בעקאַנטע בייזע שטימע מיט אַ בייזען גוט־מאָרגען:

— זאָג מיר נאָר, מיין טייערער מאַן : ווי שפּעט ביזטו געקומען נעכטען אַהיים.

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט : עלף א זייגער.

— אַזוי, עלף, קום נאָר אַריין וועט מען זעהן. ער הויבט זיך שנעל אויף און געהט אַריין אין ערשטען צימער, ער זעהט ווי דער זייגער שטעהט פון נעכטען נאָך האַלב פיר. ער איז גע־בליבען שטיל אוז גאָרנישט געוואוסט וואָס צו ענטפערען.

דערפאַר האָט שוין זיין פרוי גערעדט.

געלדמאַן.

פאַרוואס ס'איז ליכטיג

פאַרוואָס איז יעצט אַזוי ליכטיג אין לאָדז ?

— ווייל אַלע זוכען פרנסה מיט „ליכט".

ניי=קהלת

כל הנחלים הולכים אל הים — אַלע טייכען און וואַסערען פאַלען אַריין אינ'ם ים, און אַלע וועקסלען — צום רעיענט.

בניתי לי בתים, כנסתי לי גם כסף וזהב — שלמה המלך איז געווען אַ בריה, אַז ס'איז דאַמאָלס נישט געווען קיין „אורזשאָנד סקארבאווי".

שמח בחור בילדותך — צוליב דעם ווילען די היינטיגע יונגע לייט נישט חתונה האָבען, וואָרום זיי ווילען נישט איבעררייסען די שמחה...

מה שהיה הוא שיהיה — וואָס עס איז געווען — איז ווייטער, גראבסקי האָט געשינדען די הויט און היינט שינדט מען ס'בשר.

יוסיף דעת, יוסיף מכאוב — נישט בחנם פיהלען אַ סך לאָדזער כלל־טוער נישט קיין שמערצען...

החכם עיניו בראשו — דערפאַר זוכען די היי־טיגע „פשיטאמנע" פאַננעס נישט קיין איבערגע־שפּיצטע מענער.

אויגען

אין דיינע מאַ־
גישע אויגען
וואוינען מאָדנע
געשטאלטען ;
אַ שאַיקע גזלנים
האָב איך אַליין
געזעהען אין זיי
זיך בעהאַלטען ;
אַ פּאָר מלאכים,
און טיגערען צוויי,
און טויבען, און,
א חוץ זיי, דעם
טייוועל אַליין, און
איך וואָלט שווערען,
אַ גאַנצע כאַ־
ליאָסטרע שדים.
אַ שעהנע קאָמפּאַניע
איז דאָס ביז גאָר
פאַר בלאָע, מיידעלשע
אויגען אַ פאָר !

אַנ'אַנדערס מאָל יאָ

(וואַהל-אַנעקדאָט)

ביי די פאָריגע וואַהלען צום סיים דערצעהלט מען פון דער פּראָווינץ אַזאַ אַנעקדאָט :

אַ געוויסער פּאָליטיקער האָט פיגורירט אויף א ליסטע אַלס קאַנדידאַט אויף דעפּוטאט אין סיים. כדי צו זיין זיכערער אין אַ זיג, האָט ער אונטערגע־האַנדעלט מיט אַנ'איינפלוסרייכען פויער אַז ער זאָל שטימען פאַר איהם און אויך בעוועגען זיינע בע־קאַנטע זיי זאָלען שטימען פאַר איהם.

די טובה האָט, פערשטעהט זיך, דער פּאָליטי־קער נישט פערלאַנגט אומזיסט און דעם פויער פיין אנגעטרונקען און צוגעזאגט, אַז נאָך די וואַהלען, ווען ער וועט אַרויס דער זיגער, וועט ער איהם פיין אָפּדאַנקען.

אַ טאָג פאַר די וואַהלען איז מען מודיע דעם פּאָליטיקער, אַז דער און דער פויער, וואָס האָט איהם צוגעזאָגט אַלע שטימען פון זיינע פריינט, זאָגט, אַז ער וועט גאָר שטימען פאַר זיין קעגנער. פוילט זיך נישט דער פּאָליטיקער, לויפט אַוועק צו יענעם, רופט איהם אַריין אין אַ שענק און נאָך אַ פּאָר גלעזלעך פרעגט ער איהם :

— נו, פאַר וועמען שטימסטו ?

— וואָס איז דאָס פאַר אַ פראַגע, געוויס פאר דיר.

אַ בערוהיגטער הויבט זיך אויף דער פּראָ־ווינציעלער פּאָליטיקער און לאָזט זיך אוועקגעהען. אָבער דער פויער פערהאַלט איהם:

— יאָ, ווען קומען פאָר די וואַהלען ?

— וואָס הייסט, מאָרגען טאקע.

— אויב אַזוי וועל איך נישט קענען שטימען פאר דיר, ווייל מאָרגען האָב איך שוין צוגעזאָגט אַ צווייטען צו שטימען פאַר איהם, אָבער אַנ־אנדערסמאָל, מיט'ן גרעסטען פערגעניגען...

אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצען

א יוד האָט אַמאָל געקראָגען א טעלעגראַמע. ווען קריגט אַ יוד אַ טעלעגראַמע ? פערשטעהט זיך, ווען עס טרעפט אַמאָל אַנ'אומגליק.

האָט ער זיך דעריבער זעהר דערשראָקען און ס'האָט איהם אזש די הענד געציטערט ביים עפע־נען זי. אָבער ווי פערוואונדערט איז ער געוואָרען, ווען ער האָט דאָרט איבערגעלייענט קורץ און שאַרף „איך בין געזונט און מאַך גוטע געשעפטען. דיין פריינט בערל".

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט בערל געקראָגען אַ מעלדונג פון פּאָסט אַז עס איז פאַר איהם פער־האַן א פּאַסילקע, פאַר וועלכע ער דאַרף אָבער בעצאָהלען 25 זל.

ער איז מיט גרויס אומגעדולד אַוועק אויף פּאָסט, בעצאָהלט דאָס געלד. האָט ער געבראַכט אַהיים אַ גרויסען שווערען פּעקעל און מיט הארצ־קלאַפּעניש דאָס געעפענט, דאָרטען איז געלעגען אַ גרויסער שטיין, אויף וועלכען עס איז געווען אויפגעקלעפּט א צעטעלע : „ס'איז מיר אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצען, דיין פריינט שמערל".

דער נייער „ארדט"

צו דער הייניטיגער ערעפענונג פון ווינטער־סעזאָן

וואָס עס דאַרף זיין דער „ארדט"

(אינטערוויאו מיט'ן קינסטלערישען אָנפיהרער פון אַרדט דיכטער משה בראָדערזאָן)

— איז וואָס־זשע וועט זיין ?

— וואָס זאָל זיין ? זאָלען קודם כל זיין ישר־כּח ונחמות אויף יודען, וואָרום עהערנעכטען נאָך איז אויף־דעם געווען די העכסטע צייט... און וואָס שייך דעם ,וואָס איהר מיינט — דעם „ארדט", וועט עס, ראשית חכמה, זיין אזוי, אַז מ'וועט זיך ווידער מוזען אונטערגאָרטלען, און ווידער אַרבייטען, ווי גאָט און לייט האָבען געבאָטען.

מ'וועט ווידער מוזען אָנהויבען צו אַרבייטען פּראָגראַמען (וואולגאַר גערעדט) אָדער שאַפען אַסטראַלישע אָווענדען (איידעל געזאָגט) פאַר לאָדז אין דער ערשטער רייה, און פאַר דער גרויסער יודישער וועלט — אין דער צווייטער רייה, מיט געוויסע הנחות פאר'ן אמפיטעאַטער און פאַר דער גאַליאָרקע...

מיר זענען איצט בייגעשטאַנען — שוין צום וויפילטען מאָל ? אַ גרויסען נסיון : מ'האָט אונז קאָנקרעט פאָרגעשלאָגען אַנ'אויסלאַנד־טורנע מיט אַלע קלימפּערלעך און פּיטשעווקעס, מיט געלד, ווי בלאָטע און כבוד, ווי לעבער, אָבער מיר האָבען געהאַלטען, אַז אויסלאַנד — נאָך „הבימה", נאָך גראַנאָווסקי'ן — איז אַביסעל נאָך צו פריה, שטאַרק נאָך צו פריה. וואָרום מיר האָבען דאָך נישט קיין אַמביציעס, אַז דייטשען אָדער פראַנצויזען, ענגלענדער און אַמעריקאַנער זאָלען קומען צו אונז זעהען „אייגענע עכטע יודישע האָכציים" מיט „געזענגע, טענצע אונד מערשע", מיר האָבען דאָך נישט קיין חשק, מען זאָל אונז קומען בעוואונדערען, ווי האָטענטאָטען, אָדער להבדיל, ווי אַ פלויען־צירק. דעריבער האָבען מיר זיך געזאָגט : עוד זמן — מיר האָבען נאָך צייט צו מאַכען די הויכע קדושה...

דערווייל וועלען מיר נאָך אַנ'אַרבייט־טון אין אונזער היימשטאָט „זאָצוזאַגען", אין לאָדז... לאָמיר זיך נאָך פרייען, און זאָל מען זיך מיט אונז דאָ, ווי געהעריג אָנזעטיגען — לאָמיר דאָ די ...ס־בעדאַרף־צו־זיין געהאָלפען ווערען, און דאַן וועט מען מערצשעם, מאַכען דעם ויסעו...

לאָמיר זיך נישט גענאַרען — מיר האָבען נאָך אַ סך און אַ סך צו לערנען, און אויב מיר וועלען אַ מאָל פּרעזענטירען אין דער וועלט אונזער קינסטלערישען שטאָף טאָ זאָל עס נישט האָבען דעם פּנים פון אונזערע לאָדזער סחורות „מעד אין פאָלאָן" נאָר זאָל עס קאָנען קאָנקורירען מיט דעם „מעד אין דזשערמאַני", למשל...

— און ערנסט־גערעדט ?

— דאָס איז אויך : ערנסט־גערעדט, הגם — נישט טויט־ערנסט, ווי מען איז ביי אונז געוואוינט! ערנסט־גערעדט, מיין איך, אַלס קינסטלערישער אָנפיהרער פון'ם „אַרדט", נאָך דער דריי־יאָהריגער פּראַקטיק — צו פאָרזעצען, און ציהען די פריהער אָנגעצייכענטע ליניע פון אַנ'אַזוי־גערופענעם טעאַטער פון קליינע פאָרמען. אַזאַ טעאַטער, וואָס זאָל זיין אין זיך אַלע פאָרמען פון דער טעאַטראַלישער קונסט, וואָרום — אַזוי־ווי אין אַנדערע געביטען, אַזוי אויך אין דעם טעאַטער־לעבען, איז נישטאָ קיין איין־איינציגער אמת.

סיי דער מאַן און ווייב, וואָס קומען קריגען זיך צום רב, סיי דער רב, וואָס מאַכט די פּשרה צווישען זיי, און סיי די רבי'צין, וועלכע חידושט זיך אויפ'ן רב'ס פּסק — אַלע זענען גערעכט.

איטליכער אויף זיין אופן : סטאַניסלאַווסקי און מייערכאָלד, אַטאַ בראַהם און ריינהאַרד, און — די שפּעטערטיגע זעבען דאָך אוודאי „תמיד" גערעכט...

איז די ריכט־ליניע מיינע, די עיקר־ליניע, איז מיין ליטעראַרישער אַרבייט, הן אין דער טעאַטראַלישער, הן אין מיינע מאַלערישע און מוזיקאַלישע עמפּינדונגען, אַז קודם זאָל מען אָנזעהען דאָס פאַקטיש־אומבעשרייבליכע און כמעט־אוממעגליכליכע, וואָס מיר רופען אָן מיט דעם באַנאַלען נאָמען באַמען : טאַלאַנט !

צייהל'ט זיך דאָס דאָזיגע צווישען די עלעמענטען פון דער שעפערישער אַרבייט, קאָן די אויספיהרונג, די אויסשלייפונג פון מלאכה, פון אינטעליגענץ צוקומען, און אַז דער רבונו של עולם העלפט נאָך צו מיט דעם איינעם, וואָס דייטשט מייסטער שאַפט, איז אוודאי גאַר גוט, און דאַן ערשט קאָן זיין די רייד, וועגען קינסטלערישער קאָנקורענץ, וועגען וואָס'ערע־נישט־איז פערמעסטונגען אויפ'ן פאָרום פון וועלטליכקייט.

שוין נישט איינמאָל איז מיר אויסגעקומען צו רעדען וועגען דעם, אַז, לגבי אַנדערע אָפּצווייגונגען פון דער יודישער קונסט, איז די יודישע טעאַטער־קונסט (מחוץ דער געשאַפענער אויפ'ן מאָסקווער באָדען) הינטערשטעליג, וואָס הינטער־שטעליג הייסט.

עס איז פשוט נישטאָ קיין מאָסען צו פער־

משה בראָדערזאָן

גלייכען, ווי ווייט דער דאָזיגער געביט איז ביי אונז פערוואָהרלאָזט, ווי ווייט ער איז פערוואַקסען מיט ליים און קויט...

ווי־ווייט מ'זעהט שוין באַלד קיין צורת־אדם נישט אַרויס, נאָר — אַ מין קרעאַטור ר"ל !

און ווייסט איהר, וואָס די הויפּט־סיבה איז דערפון ? ווייסט איהר פון וואָס דאָס יודישע טעאַטער ליידט צום־מעהרסטען ?

— צום מעהרסטען ליידט עס פון מאַנגעל אין יונגע כּוחות !

עס מאַכט דעם איינדרוק — אין פּלוג, פערשטעהט זיך — ווי ס'וואָלט געליטען פון עקרות ! עפּעס אַ מין „בעז־דעטניק" דאָס יודישע טעאַטער, וואָס האַלט זיך בגוואַלד מיט אַלע צוואַנגען ביי דעם דאָזיגען מעמד פון דעם „פּראַקטיש־פּראָפעסיאָנעלען" נישט־קינדער־האָבען...

ווי אומפּראַקטיש און ווי נישט־פּראָפעסיאָנעל עס איז אַזאַ אַנשויאונג, גלויב איך, דאַרף מען קיינעם נישט דערציילען, בעת אַלע ווייסען צו דערציילען וועגען די חידושים פון די כלערליי וועלט־ביהנעס !

פערפאַלען, מיט דעם לעבענס־טעמפּאָ מוז מען שלום מאַכען ! עס העלפען נישט אין אַזעלכע אומשטענדען קיין שום איסורים, פּראָפעסיאָנעלע אָפּשפּרעכענישען, און חרם־קאַראַנטינען.

און — ווען דאָס יודישע טעאַטער וועט איבער זיין פריהצייטיג־געעלטערטען אָרגאַניזם דורכמאַכען די פעריונגערונגס־אָפּעראַציע, עס וועלען אין איהם אָנהויבען צו פליסען זודיגע יונגע בלוטען — וועט ער ממילא אויך ווערען פּאָטענציעל, שעפעריש, לעבענסלוסטיג, און —

האָבען כּוח אַרויס פון זיינע פינסטערע, ווילגאָטנע קעלערן, אַראָפּשוועקען פון זיך דעם שימעל, און נישט ליגען ביין איילען אין דער ערד, נאָר — לייגען געזונטע קלאַפּטער !

איך, פּערזענליך האָב דעם איינדרוק, אַז דער יודישער אַרטיסטען־פעראיין אין וואַרשא האָט עס פערשטאַנען, און ער האָט זיך איצט פערנומען אויף אַ ריכטיגען וועג מיט דעם שאַפען דעם אַזוי־גערופענעם דירעקטאָריום פון די פעראיינס־טעאַטערן, וואָס דאַרף אַריינברענגען סדר און דיסציפּלין אין דער בלוט־צירקולאַציע פון דעם טעאַטער־אָרגאַניזם.

דער דאָזיגער עקספּערימענט פון אַרטיסטען־פעראיין איז אַנ'עהרענוווירדיגער און אַ געוואַגטער, און זאָל ער נאָר אָפּגילטען — וועט ער בעדייטען אַנ'איבערברוך אין דעם גרויסען אומגעלומפּער, וואָס האָט לעת־עתה געהייסען יודיש טעאַטער אין פּוילען און — אַמעריקע...

— וואָס האָט עס מיט'ן „ארדט" צו טון ?

— אָ, זייער פיל ! ערשטענס, האָבען מיר דאָך געשמועסט מכח אַ ביסעל פריש בלוט.... נו, און, צווייטענס, אַ קלייניגקייט עפּעס — מ'וועט זיך געפינען אונטער דער שוץ פון אַנ'אַקטיאָרען־אָרגאַניזאַציע, וואָס וועט דאָך בלתי שום ספק פערשטעהען דעם „כרחם אב על בנים", וואָס עס הייסט „נאָכוואוקס", דעם נחת, וואָס עס בעדייט פאַר האַרעפּאַשנע טאַטע־מאַמע צו האָבען אַ קינד, און — צו לאָזען איהם אויסשטודירען פאַר אַ דאָקטאָר... (פאַר מיר איז עס נישט קיין ספּעציעלער יחוס, נאָר איך רייד אַזוי בדרך משל, מ'זאָל מיך בעסער פערשטעהען).

אונז אַלע האַנדעלט זיך דאָך וועגען אַ נאָרמאַלען לעבען און וועגען כבוד פאַר'ן יודישען טעאַטער און זיינע שעפער, טאָ וואָס איז דאָ פערהאַן אַ סך איבערצוקלערען און אויפצוקלערען ?!

— קאָנקרעט ?

— קאָנקרעט, אַריבערגעהענדיג איצטער אונטער דער אָרגאַניזאַציאָנעלער פיהרונג פון אַרטיסטען־פעראיין וועלען מיר האָבען, — לאָמיר האָפען !

— די עלעמענטאַרע מעגליכקייטען פאַר אינטענזיווער אַרבייט, וועלען מיר קענען דרייסטער עקספּערימענטירען, וועלען מיר זיך קענען פערטיפען און אַרבייטען איבער זיך א. א. וו. א. א. וו.

— קינסטלעריש ?

— נאָכאַמאָל קינסטלעריש ! מיר האָפען דאָס יאָהר אָנצוהויבען אויך אַ „פלירט" מיט גרויסע פאָרמען...

— וואָס מיינט איהר דערמיט צו זאָגען ?

—דערמיט מיין איך צו זאָגען, אַז אויב ס'זאָל אַלץ צוגיין כשורה, וועט דער „אַרדט" מאַכען אויך עטליכע גרעסערע אויפפיהרונגען, (דער דירעקטאָריאַט האַלט אויך דערפון) און זיי וועלען געשטעלט ווערען פון רענאָמירטע יודישע און נישט־יודישע רעזשיסאָרען.

בינו לבינו האָבען מיר פאַר'ן „אַרדט", וואָס האָט זיך אַגב אויך בעקאַנט געמאַכט מיט זיינע דעקאָראַטיווע לייסטונגען פון דיינה מאַטוס און שמואל בלום — דערווייל האָבען מיר פאַר איהם געוואונען די מיטאַרבייט פון דעם בעקאַנטען „יונג־יודיש"־קינסטלער יצחק ברינער. דאָס איז אַ גרויסער געווינס פאַר'ן טעאַטער, ובפרט פאַר אַזאַ שטייגער טעאַטער, ווי עס איז דער „אַרדט", וואו דעקאָראַציע און קאָסטיום שפּילען אַ פיל־בעדייטענדע ראָליע — וואו זיי שפּילען בפירוש אַ הויפּט־ראָליע !

דער יודישער „ארדט"

אונזער בן־עיר, דער בעקאַנטער יונגער יודיש - דייטשער שוישפּילער אַלעקסאַנדער מאַרטען האָט אונז צוגעשיקט דעם דאָזיגען אַרטיקעל, צו דער דערעפענונג פון נייעם „ארדט".

אַלע גרויסע טעאַטערס, אַלע בעדייטענדסטע טעאַטער־סטילען האָבען זייער אורשפּרונג אין דעם קליינקונסט־טעאַטער.

אַזוי האָט מאַקס ריינהאַרדט — ביז ער האָט אַרויסגעבראַכט זיין ערשטע גרויסע טעאַטער־אויפפיהרונג — געשפּילט אַ פּאָר יאָהר אין דעם קליינעם טעאַטער „אונטער דען לינדען" קליינקונסט־קאַבאַרעט...

זיין טעאַטערל „שאַלל אונד ראַוש" האָט דערצויגען אַ גענעראַציע ערשטקלאַסיגע שוישפּילער, און דער וועלט געשענקט אַ טעאַטער־ריכטונג.

איינער פון די בעדייטענדסטע טעאַטער־רעפאָרמאַטאָרען פון פראַנקרייך, דער שעפער פון פראַנצויזישען רעאַליסטישען טעאַטער, אַ נ ט ו אַ ן, האָט עטליכע יאָהר אַרומעקספּערימענטירט מיט פשוטע דילעטאַנטען אין פערשידענע זעלער, ביז עס איז ענטשטאַנען דאָס נייע פראַנצויזישע טעאַטער.

אויך דאָס בעדייטענדסטע טעאַטער אין ווילען, דר. שיפּמאַנס „טעאַטער פּאָלטקי" איז נישט אַנדערש ווי דאָס גרויס־געוואָרענע קינד פון דעמזעלבען שיפּמאַנס קראָקאָווער קליינקונסט־ביהנע...

עס קענען געבראַכט ווערען נאָך פיל ביישפּילען פון אַנדערע לענדער, ובפרט אין אונזער איצטיגען יאָהר־הונדערט !

און בעת איך האָב מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק אויף דעמזעלבען אָרט בעהויפּטעט, אַז דאָס דורכאויס־אַמביציאָנירטע קליינקונסט טעאַטערל פון משה בראָדערזאָן, דער „ארדט" האָט אַלע שאַנסען און מיטלען צו דערפילען די בעדייטענדסטע אויפגאַבע אין דער יודישער גאַס, צו שאַפען דאָס נייע, אָדער, איבערהויפּט, דאָס יודישע קינסטלערישע טעאַטער, אין פּוילען — אויב איך האָב אַזוי געטענה'ט, האָב איך בשום אופן נישט געהאַט קיין טעות.

איצט חזר איך איבער נאָך אַמאָל, אַז ער, דער „ארדט", וועט טראָגן אָדער טאַקע, אַ דאַנק די מניעות, מיט וועלכע ער קעמפט, זינט זיין ענטשטעהונג — טראָגען הויך זיין פאָהן, און וועט דערגרייכען ביז צו זיין ענדגילטיגען זיג !

* * *

פערשטעמטערהייט און פערשמערצטערהייט האָב איך, בעת מיין לעצטען קורצען אויפענטהאַלט אין מיין היימשטאָדט לאָדז געמוזט פעסטשטעלען, אַז דער לאָדזער טעאַטער־עולם, ובפרט דער יודישער, וועלכער האָט געהאַט די טראַדיציע און געלעגענהייט פון גוט יודיש, פּויליש און דייטש טעאַטער, פיהלט לעצטענס אָן דווקא די קאַסעס פון די כמעט־אַלע געשמאַקלאָזע, ביליגע באַלאַגאַנען־איינריכטונגען ,וואָס האָבען די חוצפּה און די העזה צו פּלאַקאַטירען זיך אַלס רעווי־טעאַטערס, קליינקונסט־טעאַטערס וכדומה.

ווי לייכטזיניג און לייכטגלויביג דער איצטיגער לאָדזער יודישער טעאַטער־בעזוכער לאָזט זיך פערנאַרען אויף די נידערטרעכטיגע קאַבאַרעט־שמאָנצעס מיט דעם וויין־מוה'דיגען אידיאָטיש־פּאָרנאָגראַפישען און אויסגעשפּראָכען אַנטיסעמיטישען, פערקריפּעלטען און פערקרימטען ביגעשמאַק און אונטערשלאַק.

עס איז ממש צו בעוואונדערען דעם עולם'ס בעדולד און אָפּערוויליגקייט !

* * *

זעלבסטפערשטענדליך קאָן דער „ארדט" נישט שפּעקולירען מיט אַלטע שילדען און איבערגעבליבענע ירושות !

דאָס ,וואָס דער „ארדט" האָט געגעבען אין משך פון זיין דריי־יאָהריגער יונגער עקזיסטענץ, איז — דער אָנפאַנג, און די האָפענונג פון דעם נייעם מין יודישען קונסט־טעאַטער, וואָס געפינט זיך אין סטאַדיום פון ענטשטעהן.

לויט ווי זיין גייסטיגער פיהרער, דער דיכטער בראָדערזאָן, האָט מיר איבערגעגעבען, וועט דער „ארדט", — וואָס שטעהט איצט ערב זיין ערשטער פּרעמיערע אין דעם סעזאָן — פערגרעסערען היי־יאָהר זיין פּראָגראַם.

נעבען דער ביז־איצטיגער קולטיווירונג פון דער פאָלקסטימליכער יודישער קליינקונסט, און דער קאַמעראַל־מיניאַטור, וועלען אין דעם איצטיגען סעזאָן אויך געגעבען ווערען עטליכע פאָרשטעלונגען פון גרעסערען סטיל און אינהאַלט.

צו דער אַרבייט זאָלען אויך צוגעצויגען ווערען אַ רייה בעדייטענדע שעפערישע טעאַטער־קינסטלער —

נישט איבער־דער־נאַכט זאָל דאָס, פערשטעהט זיך, געשעהן, נייערט נאָר, אַ דורכגעהאַקטער, פּאַנאַטישער אַרבייט און גרינדליכער פּאָרבערייטונג אין יעדער הינזיכט, — זאָל עס ערשט איבערגעענטפערט ווערען צום פּובליקום !

דער „ארדט", דער דאָזיגער אימפּעט־פולער טעאַטער האָט צייט און געדולד.

ער מוז צייט האָבען, כל זמן ער וויל נישט ענטוישען דעם גרויסען עולם פון זיינע פריינד און בעגייסטערער.

נישט פאַר זיין „קאַסע" אַרבייט ער, נאָר פאַר זיין מיסיע !

און די דאָזיגע שליחות זיינע וועט ער דערפילען !

קיין שום בייזע לוחות און ,וויסטע כוונות וועלען איהם דערפון נישט אָפּהאַלטען —

צום נחת פון זיינע פריינד און טראָץ פון די חסור־דעה'דיגע שונאים !

אַלעקסאַנדער מאַרטען.

לכבוד יום־טוב

עמפּפעהלט דער נעהערטער קונדשאַפט די ערשטע הועלע פון די לעצטע און נייעסטע קאָסמעטיק פון פּאַריז

די גוט־בעקאַנטע פּערפומעריע

J. DRUKIER Zawadzka 5, tel. 175-92

וועלכע איז פערזעהן מיט דעם רייכסטען אויסוואַהל טואַלעט־זייפען, פּודערן, פּערפומען, קעלנישע בלומען־וואַסערן א. אַנד.

אַלעס צו נעניע פאַבריקס־פּרייזען.

בעמערקונג : ווער עס בעזוכט מיין פּערפומעריע, בלייבט אויף שטענדיג מיין קונדע. ∴ ∴ ∴ ∴ פאַר אַנגראָסיסטען — בעדייטענדער ראַבאַט.

די פערשאָלטענע ירושה

(46 גרויסער ראָמאַן פון לײדענשאַפט ליבע און פערברעכען.

דזשעיקאָבס האָט געהאַט אקאָרשט אנגעהויבען עפּיס צו רעדען, ווי עס האָט זיך געעפענט די אוי־בערדעק, עס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט הער לײטער און די דרײ ברידערלעך זענען אַראָנטערגעשטיגע אין קעלער.

די ווערטער זענען איהם אָפּגעשטאָרבען אויף די ליפּען.

ביידע — סײ דזשעיקאָבס, סײ מערי, זענען בלאַס געוואָרען.

מאַקס אפּמאַן האָט קאַלט א קוק געטאָן אויף דזשעיקאָבס'ן.

— נייט אַוועק אין יענעם ווינקעל, און שטעלט זיך אַוועק בײ דער וואַנד! — האָט ער קאַלט־בלוטיג בעפוילען.

דזשעיקאָבס האָט געהאָרכט און אויסגעפיהרט דעם בעפעהל און זיך אַוועקגעשטעלט בײ דער וואַנד, וואו ס'איז איהם אָנגעוויזען געוואָרען.

— און איצט, — האָט זיך מאַקס אָפּגערופען אין דעם זעלבען רוהיגען טאָן — איצט וועלען מיר א שמועס טון... איך דאַרף אייך שטעלען עטליכע פראַגען, און געבען אייך גוטע עצה... פון אייערע ענטפערס, וואָס איך וועל בעקומען פון אייך ווענדט זיך זעהר א סך... איך ראָט אייך דעריבער איהר זאָלט מיר ענטפערען אָרענטליך, און גאָרנישט ניט בעהאַלטען...

און קעלער איז געווען שטיל.

אַ בעוואונדערונגסווערטער האָט דזשעיקאָבס אַכטונג געגעבען אויף מערי'ן.

ער האָט שוין געוואוסט פון דער פּראַקטיק, ווי כּוּרא'דיג דער מאַקס איז, ווען ער הערט אויף רוהיג, געלאַסען, און ליבענסווירדיג.

— וואָס ווילט איהר פון מיר? — האָט מערי א פרעג געטאָן.

איהר אַליין האָט פערוואונדערט דער פּרט. וואָס זי איז אין דעם מאָמענט געווען אַזוי רוהיג און זיך פולשטענדיג בעהערשט.

מאַטעס האָט אויסגעזעהן אַזוי, ווי ד'וואָלט אָנ־געוועזען געווען אויף עפּיס א פייערליכע צערעמאָניע.

ער איז געווען אָנגעטאָן אין א הערליך־אויפּ־געניטען טײערען אַנצוג, און ווייסע געטריקס אויף לאַק־שיך און איז א שוואַרצע קראַוואַט מיט א בריליאַנטענע שפּילקע.

מאַריק איז, להיפך, געווען, ווי שטענדיג, אָפּ־געלאָזט, און ווײ גרעל־געלער קראַוואַט בײ דער לילאַ־מאַרינאַרקע האָט ממש געשניטען אין די אויגען.

די שיך זענען בײ איהם געווען שוין פון לאַנג נישט געפּוצט, און די לאַנגע ברייטע הויזען זענען איהם אַראָפּגעהאַנגען, ווי די זעק.

ער האָט גענומען א שמעק טאַבעק און א נים געטאָן.

זיינע רעדהיצטע אויגען זענען געווען אָנגע־גאָסען מיט בלוט.

מאַקס האָט זיך געהאַלטען זיכער און רוהיג. נישט־געאייל־טערהייד האָט ער אַרויסגענומען פון דער טאַש א גוט־צונויפגעלעגטע צייטונג, גע־עפענט זי, און בעוויזען מערי'ן.

— וואָס ווייסט איהר וועגען דעם?

מערי האָט דערזעהן אָנ'אָנאָנס און א ראַהם אינמיטען פון דער צייטונג.

מאַקס האָט געהאַט דעם אָנאָנס אַרומגע־רינגעלט מיט א בלײ־צייכען.

האָט זי איבערגעלייענט דעם אָנאָנס און א שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ.

— כ'זעה עס צום ערשטען מאָל...

— מעגליך!.. אָבער וואָס ווייסט איהר וועגען דער פרוי, וואָס ווערט דאָ דערמאָהנט?

מערי איז בענאַנגען אַן'אומפּערצייליכען פעהלער.

דזשעיקאָבס האָט געפּיהלט, אַז זי גייט זיך אומברענגען.

ער האָט געוואוסט פון דעם כּלל, אַז וויכטיג עס איז אַמאָל צו פערשווייגען זאַכען... און אַז אפשר קאָן מען זיך ראַטעווען דאָס לעבען דורך שווייגען...

ער האָט געוואָלט וואָרענען דאָס מיידעל. אַ שרײ טאָן צו איהר, אַז זי זאָל נישט ענטפערען.

פחנם האָט ער זיך געבעטען בײ איהר מיט די אויגען, און געמאַכט צו איהר פערשידענע מינעס.

דאָס מיידעל האָט עס נישט בעמערקט.

זעהענדיג, אַז אויפ'ן מויל בײ איהר ליגט שוין גרייט דער ענטפער, האָט ער זיך אַ ריס גע־טאָן פאָראויס.

— פריילין...

מאַקס אפּמאַן האָט איהם איבערגעשלאָגען מיט אַ דראָהענדען אויסרוף:

— רוהיגער שטייט דאָרט!.. רוהיג!..

דזשעיקאָבס האָט זיך צוגעשפּאַרט צו דער וואַנד

מאַקס האָט אַריבערגעפיהרט זיין בליק אויף דער מיידעל:

— אַלזאָ?

— יאָ, איך קען די פרוי שאַרלאָטע סימפּסאָן.

מאַריק האָט מיט נערוויש א ציה געטאָן זיין שמעקטאַבעק, און הויך א לאַך אַרויס געטאָן.

אפילו מאַטעס, דער רוהיגער, קאַלטער מאַד־טעם, האָט אַ שמייכעל געטאָן און זיך אָפּגערופען:

— הם... זעהר אָנגענעהם!

דער אויסדרוק פון די פּנים'ער פון די „דרײ מאַלפּעס" האָט זיך געענדערט.

די ענדערונג איז קוים געווען קענטיג.

אויף מערי'ן האָט זי אָנגעוואָרפען אַנ'אימה.

איהר האָט זיך אויסגערוכט, אַז אַ־טאָג חלשט זי פאַר שרעק.

די דרײ מוּרא'דיגע פּנים'ער האָבען אויף פערד־שידענע אופנים אויסגעדריקט איינס און דאָס זעלבע

די בעסטיאַלישע זשעדנעקייט, בעפרידיגונג און די ואכזריות'דיגע, אומבּרחמנות'דיגע ענטשלאָסענקייט

זיי האָבען איצט, נעמליך, געוואוסט, אַז מערי קאָהן איז מערי זיננער־קאָהן.

זיי האָבען איצט געוואוסט, אַז פאַר זיי שטייט יענעם קליין מיידעלע, וועלכעס מאַרקוס קאָשטאַ האָט מיט יאָהרען צוריק אַוועקגערויבט בײ זיי און בעהאַלטען.

אַ דערשראָקענע האָט מערי הויך אויסגע־שריגען און אָפּגעשפּרונגען צו דער וואַנד.

דזשעיקאָבס האָט זיך שוין מעהר נישט גע־קאָנט בעהערשען, האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן צום מיטען קעלער.

— נאַט מײנער! וואָס האָט איהר יעטזט, פריילין?.. צרוואָס האָט איהר געזאָגט?.. העי!.. איהר, דרײ!.. הערט!.. אויב כאָטש איין האָר זאָל איהר געמינערט ווערען...

(פאָרטזעצונג קומט).

7-kl. Szkoła

dla żyd. inteligencji (Zakład Freblowski)

RACENELSON-NACHUMOW

ul. POMORSKA 20 tel. (183-40). Zapisy w godz. od 4–7 p.p

7=קל. שולע און פרעבלשולע פאַר קינדער פון יוד. אינטעליגענץ

קאַצענעלזאָן = נאַחומאָב

פּאָמאָרסקאַ 20 טעל. 183-40. איינשרייבונגען פון 4 ביז 7 נאָכמיטאָג

די שולקאַנצעלאַריע נעהמט אָן איינשרייבונגען פון קנאַבען און מעדכען וואָס זענען אין שולצוואַנג, אין פאָרבערייטונגס-קלאַס (A^{0}) ווערען אָנגענו־מען קינדער פון $5^{1}/_{2}$ יאָהר. אין פרעבלשולע (שפּיל-שול) קינדער פון 3-7 יאָהר

די אונטערריכטס-שפּראַך אין שולע, ווי אויך אין פרעבלשולע איז פּויליש. פיר קנאַבען א פערגרעסערטער קורס פון העברעאיש און אלע למודי-קודש אונטער דער פערזענליכער הנהלה פון

ר' יעקב בנימין קאַצענעלזאָן

פיר מעדכען א ספּעציעלער קורס פון טענץ, ריטמיק, פּלאַסטיק לויטן פּראָ גראַם פון טאַנץ=שולען פאַר קינדער אונטער פּאָכמענישער לייטונג

פיר פיזיש שוואַכע קינדער, ווי אויך פיר אונבעמיטעלטע ווירד ערעפענט א נאָכמיטאָג שולע ביז 50% ביליגער נאָכמיטאָג פרעבעלשולע

אין דער 7=קלאַסיגער שולע
פון „יצחק גאָלדבערג"

Al. I maja 16 פּאַסאַזש=שולץ
טעלעפאָן 98 127

זענען נאָך לעדיג צו איינציגע פּלעצער אין די כתות: א, ב, ג, ד, ה, ו, אויך אין דער אָפּטיילונג פאַר נישט שול-פליכטיגע קינדער (6-יאָהריגע).

אין דער כתה ד' און ה' קענען זיך מעלדען אייניגע גוט-ערצויגענע קינדער, וועלכע האַלטען ביי גמרא מיט תוספות פאַר אַ חצי=חנמ'דיגען שכר-למוד

פאַבריק פון
אײוועז און קוכעז

קאַפלאָנע און שאַמאָט
פּערס. מוסטערען און סאָרטען

פערקויף פון בוי-אַרטיקלען

צעמענט, קאַלך, גיפּס, קרייד, שטשינאַ, פּאַפּע, סמאָלע, ווי אויך פער־שידענע קאַפלעס איני- און אויסלענדישע שאַמאָט-ציגעל צו אײוועז פון פערשי־דענע גרויסען – עמפּפעהלט פירמע

„Konkurencja"

מ. עלעכנאָוויטש
ŻEROMSKIEGO 1a (Pańska.)

Dr. med. **J. Lubicz**

ORTOPEDA, Gdańska 28, tel. 18·31

קראַנקהייטען פון די ביינער, געלענקען, פערקרימונגען פון די פלייצעס און גלידער אייגענע פּראַצאָווניע פון זעלטליכע אָרטאָפּעדישע אַפּאַראַטען, ווי: קלעדקעס אויף פלאַטפוסען, קינסטליכע רעטעכען א. ז. ו. נעמט אָן פון 2,30 ביז 4,30 נאָכם.

קליניק „SANATO" ווערבענדיך כירורגישע

אַגראַדאָווע 10 טעל. 57=213
1-טע און 2-טע קלאַס
ערצטליכע אויפזיכט
איבער דער מוטער און קינד.
פרייזען פון געבורט
אין 2-טע קלאַס צוזאַמען מיט פערהיטונגס-מיטלען
200 זל.
כירורגישע אָפּטיילונג פון ד"ר מעד. מ. קאַנטאָר
עמפּפאַנגס-שעה'ן פון 1 ביז 2 נאָכמיטאָג.

בעקאַנטמאַכונג.

דערמיט מאַכען מיר בעקאַנט, אַז דער נ״יר עמאָנטירטער קאָנצערט=זאַל
3 פּיראַמאָוויטשאַ 3
וואָס בעשטעהט פון 3 זאַלען איז צו פער־מיטען אויף פּערזאַמ־לונגען, ראַוטען, קאָנצערטען און חתונות צו די ביליגסטע פּרייזען!

מחותנים! דינגט נישט אַנדערשוואו, נור קומט צו אונז זיך איבערצייגען מיט אַכטונג די אינהאַבער.

אין דער 7 קלאַסיגער קנאַבען=שולע פון

נ. פּינהויז

זאַוואַדזקאַ — 26 —

ווערן אָנגענומען קינדער אין עלטער פון 5 יאָהר. בעמערקונג: די שולע עקזיסטירט שוין 37 יאָהר און אויסער די אַלגעמיינע למודים, וואָס ווערען גרינדליך געלערנט לויט דעם רעגירונגס-פּראָגראַם, צייכענט זי זיך אויס מיט איהר גרויסען פּראָגראַם פון אַלע יודישע למודים.

Dr. med. **A. Landkof**

פּאָלודניאָוואַ 15
טעל. 138·34
אינערליכע און קינדער קראַנקהייטען
צוריקגעקערט
נעמט אָן פון 2-3 און 7-8 אָוו.

Dr. med. **W. Eychner**

גינעקאָלאָג אקושער
זגערזשער 11
טעלעפאָן 134–72
נעמט אָן פון 2–3 נאָכמ.
און פון $7^{1}/_{2}$–9 אָוונד.

DR. MED. **Z. Datyner**

צוריקגעקעהרט
אוראָלאָג
ספּעציאַל-ערצט פאַר בלאָזען נירען און אורין-קראַנקהייטען
Piramowicza 2
(Olginska) Telef. 148-93
נעמט אָן פון 9—10 פאַרם.
און פון 6—8 אָוונד

Dr. W. ŁAGUNOWSKI
Specjalista chorób skórnych, wenerycznych i moczopłciowych
przeprowadził się na ul.
Piotrkowskiej 70
róg Traugutta).
Przyjmuje od 8^{30} do 10^{30} rano, od 1-ej do 2^{30} pp., od 6 do 8^{30} wiecz.
w niedziele i święta od 10 do 1-ej.

Dr. N. HALTRECHT
הויט און געשלעכטס-קראַנקהייטען
פּיעטרקאָווער 10
פון 8 ביז 3 נאָכמ. און פון 8 ביז 9 אָוונד
זונטאָג פון 9 ביז 1.

DR. ADAM **GROSGLIK**
Al. Kościuszki 27
tel. 151·78
צוריקגעקעהרט
הויט און ווענערישע קראַנקה. רענטגען און ליכטהיילאונגען. נעמט אָן פון 4—7 אָוונד.

אַנ'אָרט צו שלאָפען
פאַר 2 אָנשטענדיגע יונגע לייט, אָדער צו פערמיטען אויף א פּראַצאָווניע. צו ערפאַהרען פּאָלנאָצנע 9 ביי א. פישהאָף.

ווילנער ספרים-סקלאַד	פערקויף פון שיל-ביכער אין אלע שפּראַכען	ספרים-סקלאַד וואָסקאָדניאַ 34 פּראָצענט-געשעפט	פערקויף פון שיר ב מאַטעריאַל	פערטרעטונג פון קאַלאַמייער טליתים.

מחזורים 25 פּראָצענט ביליגער!!!

דערמיט מעלדען מיר, אז די ספרים-סקלאַד „מסורה" איז איבערגעטראָגען אויף וואָסכאָדניאַ 34, פּראָצענט-געשעפט ווי אויך אַמבאַסאַר ד״ר'ן טויער. צו בעקומען אלע מיני ספרים און לערנ-ביכער, ספּעציעלער אויסוואַהל פון מחזורים, אויך די וועלט-בע־ריהמטע ווילנער רב פנינים-מחזורים. אויך מיט פּוילישע איבערזעצונג, ש"ס, חומשים פסוקים, משניות, מדרשים, סדורים, טליתים, גאַרטלען, קאַפּלעך, ציצית, מזוזות.

צום נייעם שול-סעזאָן פערקויף פון אַלערליי שול-ביכער אויך שרייב-מאַטעריאַל, אַזוי אַז דאָס חדר-ייִנגעל קאָן זיך אַלעס אויפ'ן אָרט אַנטאַרדנען צו רעעלע פּרייזען. מיר האָבען געפּועל'ט ביי די ווילנער ספרים-פערלאַגען גרויסע הנחות ספּעציעל פאַר קינדער-גמרות פאַר הדרים פון פירמע ראָזענקראַנץ, שריפטגיסער צו ביליגע פּרייזען, אַזוי אַז דאָס אָרימע קינד וועט קויפען א ליבטיגע, ריינע, פּינקטליכע ווילנער גמרא צום פּרייז פון א וואַרשאַווער גמרא. געדענקט דעם אַדרעס:

א. מ. גרובשטיין, וואָסכאָדניאַ 34, פּראָצענט געשעפט אָדער דורכ'ן טויער

נור אין דער בעוואוסטער פירמע פון דער אייזען-מעבעל-פאַבריק

I. B. Wołkowyski

שענקעוויטש 3/5
פאַבריקס-לאַגער: נאַרוטאָוויטשאַ (דזיעלנאַ) 11, טעל. 70=137
איז:

א ביליגסטען
א בעסטען
א בעסטרעסטען

און דער גרעסטער אויסוואַהל כ'בעזין אויף לאַגער א גרויסען אויסוואַהל פון מעטאַל - ניקעל-בעטען, פעלד-בעטען, מעטאַ-לאַווע מאַטראַצען, פעדערעקט גאַראַנ-טיע 5 יאָהר, קינדער-וועגע-לעך די נייעסטע פאַסאָנען, וואַש-טישען, סערוויזען, הויז-מטשקעס און אייזן-קיסטען

זיכערע הילף און א רפואה

אהן א אָפּעראַציע, אָן בלוט, אהן א מעסער און אהן בלוט=פערגיסונג פאַר קראַנקע אויף קילעס פאַר מענער ווייבער און קינדער, פערשידענע קאַליקעס אין גוף פאַר הויקערס און פיס,

פערלאָזט אייך נישט, ווייל דער ווינקעל-בראָך ווערט גרויס אַזוי ווי א טעכשען-קאָפּ, אָדער אַזוי ווי א וואַסער-קאָן און עס פאַלט אַרײַן אין דעם פּוס און דער קראַנקער איז אין א גרויסער סכנה דורך פערדרייען די קישקעס ווערט ער בראַנדיג און שטערבליך. ספּעציעל גוטענע היל-באַנדאַזשען אויסגעצייכענט גוט דורך גרויסע פּראַקטיק'ען מיט מיינע בעהאַנדלונג און פון דעמשען פּראָפעסאָר-דאָקטאָר בראָכנרעכונג בעוואונגען זיכער דעם שמערצען און געפעהרליכסטען

בראָך, אויך פאַר מוטערן לעמונגען מיט היל-גאַרטלען און אַפּאַראַטען פאַר פערקריטע פיס און פלאַטפוס ספּעציעלע אַנלאַגען אין די שיך. קינסטליכע גומענע פיס און הענד, גומענע זאָקען פאַר די גרעסטע קראַנקע אָדערן.

עמפּפאַנגט פון 9 ביז 1 ביי טאָג און פון 3 ביז 7 אין אָוונד.

אָרטאָפּעדישע אַנשטאַלט

Specialist J. RAPAPORT Ortoped von Lemberg
.Łódź, WÓLCZAŃSKA 10, tel. 221-77, front, parter

בעמערקונג: דאָס „ערזענליכע ערשיינען פון די קראַנקע איז אונבעדינגט נויטיג דיפּלאָמען האָבען אויסגעשטעלט פאָלגענדע אוניווערזיטעטס-פּראָפעסאָרען: פּראָפ. ד"ר באַראַנאָוו, פּראָפ. ד"ר י. מאַרישלער, פּראָפ. ד"ר בר. קיעלאַנאָווסקי און אויך אַנדערע. מיר בעהאַנדלען אויך אָן טעריבערטע פון דער קראַנקען-קאַסע

דאַנקזאַגונג.

דערמיט דריק איך אויס דעם בעסטען דאַנק דעם העדן ד"ר. י. ראַפּאָפּאָרט, פאַר ברוך, וועלכער נעמט אָן אין לאָדז, וואָלטשאַנסקאַ 10 טעל 177-22 פּראָנט פאַרט פאַר זיין געוויסענהאַפטען פערלענגען מיר א גוטען היל-באַנדאַזש לויט זיין מעטריק, האָב געלונגען אויף ברוך 20 יאָהר און א דאַנק איהם בין איך היינט געראַטעוועט געוואָרן, אַז כ'קען איהם יעדען אַנצייגען הײַם עמפּפעהלען.

Dr. BERGHOF Arzt.

ניַיער פאלקסבלאט

דאס לאָדזער לעבען

ניַיער פאלקסבלאט

אקטאבער
זון-אויפגאַנג 5.55
זון-אונטערגאַנג 5.49

מאָנטאָג
13
כא
תשרי תרצ"א

רעגיסטראַציע פון יאָהר-גאַנג 1910

היינט, מאָנטאָג דעם 13 אָקטאָבער דאַר פען זיך אין דער פּאָליצייאיש-מיליטערישער אָפּטיילונג ביים מאַגיסטראַט (פּיעטרקאָווער 212 רעגיסטרירען די געבוירענע אין 1910 יאָהר וועלכע וואוינען אויפ'ן שטח פון 3 פּאָליציי-קאָמיסאַריאַט און זייערע פאַמיליען-נעמען הויבען זיך אן אויף

H Ch I

און פון 8 קאָמיסאַריאַט

W Z Ż

ביים רעגיסטרירען זיך דאַרף מען מיטברענגען אַ פּאַס, אַ מעטריקע אָדער אַנ'אַנדער דאָקומענט; אַ שול-צייגניש. דאָרטוועקער דאַרפען אויך צושטעלען אַ צעך-צייגניש.

פערזאָנען, וואָס קענען נישט בעווייזען זייער אַנגעהעריגקייט צו אַ פרעמדער מלוכה מוזען זיך אויך רעגיסטרירען.

צוגאַב-פּאָבאָר

(2) היינט, מאָנטאָג, וועט פאַר די פּאָפּאָרפליכטיגע פון 1909 און עלטערע, וועלכע האָבען נאָך נישט רעגולירט זיין בעציהונג צום מיליטער, פאָרקומען אַ צוגאַב-פּאָבאָר-קאָמיסיע.

צו דער קאָמיסיע אין פּ. ק. או. 1 דאַרפען זיך צושטעלען די, וואָס האָבען בעקומען אַרויספאָדערונגען פון דער שטעדטישער סטאַראָסטווע.

דרינגענדע הילף פאַר ארבייטסלאזע

דער מאַגיסטראַט איז מודיע, אַז פון מאָרגען, דעם 13 אָקטאָבער הויבט זיך אָן די רעגיסטראַציע אויף דרינגענדע הילף פאַר ארבייטסלאָזע, וועלכע האָבען דערהאַלטען אונטערשטיצונגען פאַר אויגוסט 1930 י. און וואָס האָבען אין אויגוסט אויסגעשעפּט אַלע ראַטעס פון אוסטאַווע שטיצע פון אַרבייטסלאָזען פאָנד. אויף דער דרינגענדער רעגירונגס-הילף האָבען דאָס רעכט נאָר די ארבייטסלאָזע, וועלכע האַלטען אויס פאַמיליעס. פריילידיגע און פערהייראַטע אָהן קינדער האָבען נישט קיין רעכט אויף דער שטיצע. אַרבייטסלאָזע, ביי וועלכע עס אַרבייט כאָטש איינער פון דער פאַמיליע, אָדער עס בעקומט כאָטש איינער שטיצע, האָבען אויך נישט קיין רעכט אויף דער שטיצע.

דאָס רעגיסטרירען זיך אויף דער שטיצע קומט פאָר אויף גאַס פון 28 פּולק נומער 32 פון 9 פריה ביז 2 ביי טאָג לויט פאָלגענדער סדר

היינט, מאָנטאָג דעם 13 אָקטאָבער — אותיות
A B C D E F
דינסטאָג דעם 14 אָקטאָבער — G H I J
מיטוואָך — K L Ł
דאָנערשטאָג — M N O
פרייטאָג — P R S
שבת — T U W Z Ż

MURZYŃSKA OPERETKA
w Teatrze Miejskim
נור 2 אויפטריטען
דינסטאָג, דעם 14. און מיטוואָך, ד. 15/X
פון בעריהמטען אָפּערעטען-רעווי-טעאַטער
„BLACK FLOWERS"
אונטער דער דירעקציע פון וועלט - בעריהמטען
טענצער און אַקטיאָר Lewis Douglas
מיט'ן אַנטייל פון די פאַרביגע זינגערינס
Valada Snow i Margaret Beckett
50 מאַן אַנסאַמבל!
אָריגינעלער נעגער-באַלעט!
פאַרביגער דזשאַז-אָרקעסטער!
אייגענע דעקאָראַציעס!
ס'וועט געשפּילט ווערען די רעווי - אָפּערעטקע
אין 8 בילדער (45 סצענעס) אונטער'ן נאָמען:
„LIZA"
בילעטען פון 2 זל. אין בעשטעלונגס-קאַסע פּ. טעאַטער פּאָהדער 74, טעל. 164-00 פון 10 פריה ביז 7 אָווענד אָהן איבעררייס.

עלטער-פערזיכערונג פאר ארבייטער

אַ דעלעגאַציע פון טעקסטיל-אַרבייטער האָט די טעג בעזוכט דעם וויצע פרעמיער בעק און מיט איהם קאָנפערירט וועגען צושטעלען דעם עלטער-פערזאָרגונג פאַר אַרבייטער.

די דעלעגאַציע האָט דעם מיניסטער אויך איבערגעגעבען אַנ'אויספיהרליכען מעמאָריאַל וועגען דעם ענין, און צוגעשטעלט אַ פּעטיציע מיט 25 טויזענד אונטערשריפטען.

די דעלעגאַציע האָט נאָכדעם בעזוכט אויך דעם ארבייטס-מיניסטער פּריסטאָר און דעם האַנדעלס-מיניסטער קוויאַטקאָווסקי.

די דעלעגאַציע האָט בעקומען גוטע הבטחות.

שרפות

(2) אויף שענקעוויטש 35 איז נעכטען אויסגעבראָכען אַ שרפה אין דער שפּינעריי פון ברודער און אַווי הורעוויטש. ס'זענען באַלד אָנגעקומען די 2 און 3 פייערלעשער-אָפּטיילונגען, וועלכע האָבען אָנגעהויבען די רעטונגס-אַקציע פון צוויי זייטען: פון דער שענקעוויטש זייט און פון דער פּעטריקאָווער 68 דאָס פייער האָט אויסגעבראָכען אין דער לינקער פּאַרטער געביידע, וואו ס'געפינען זיך די סאָלפאַקטאָרען. ס'האָבען אָפּגעברענט דער דאַך און אַ טייל מאַשינען. די סחורה, וואָס איז געווען אין פאַבריקס-זאַל איז צושעדיגט געוואָרען פון פייער און בעשעדיגט געוואָרען דורך וואַסער בעתן לעשען.

די אויספאָרשונג האָט פעסטגעשטעלט, אַז ביים אויסברעכען פונ'ם פייער זענען אין זאַל אָנוועזענד געווען דער מייסטער און דריי אַרבייטער, וואָס האָבען פערריכט די מאַשינען, מיטאַמאָל האָבען זיך אַ שיט געטאָן פונקען און ס'האָבען זיך אָנגעכאַפּט די לייכט-ברענענדע מאַטעריאַלען.

פאַר דער לעצטער צייט איז דאָס שוין דער דריטער פאַל, וואָס אין דער פאַבריק ברעכט אויס אַ פייער.

די אויספאָרשונג וועט ווייטער געפיהרט.

ווילדע טאַט פון אַ שכור'ען באַהן בעאַמטען אין קאַלושקי

ערב יו"ט, ווען דעם שוחט'ס זוהן אין קאַלושקי איז פערבייגעגאַנגען די שוהל, האָט ער דערזעהען ווי פון דאָרט געהט אַרויס עפּעס אַ באַהן-בעאַמטער, איהם איז די זאַך געוואָרען אויפפאַלענד און ער איז באַלד אַוועקגעלאָפען אין שוהל זעהן, וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען.

ווען ער איז אַריין אין שוהל, האָט ער דערזעהען, אַז דער בעאַמטער האָט פעראומריינגט דעם לאָקאַל. דער יונגערמאַן האָט געמאַכט אַ סקאַנדאַל, ס'זענען זיך צונויפגעלאָפען מענשען און מען האָט דעם בעאַמטען אַרעסטירט.

ער איז געווען שיכור, אָבער אינ'ם טומעל האָט ער זיך אויסגענוכטערט און זיך אַליין איבערגעשראָקען פאַר זיין ווילדען טאַט. ער איז באַלד אַוועקגעלאָפען צום אָרטיגען רב בעטען ביי איהם מחילה און פאָרגעשלאָגען צו געבען אַ נדבה פאַר דער אָרטיגער יודישער קהלה 100 זל.

דער רב האָט צוגענומען די נדבה און דעם בעאַמטען מוחל געווען.

וואס וועט זיין מיט'ן „הזמיר"?

(אַ בריף אין רעדאַקציע)

אין דעם קינדגרייך „הזמיר" איז עפּעס נישט אין אָרדנונג...

דער דאָזיגער „עפּעס" ציהט זיך שוין יאָהרען לאַנג, און וואָס ווייטער ווערט ער אַלץ קאָמפּליצירטער.

וואָס קומט איינענטליך, פאָר אין דעם „הזמיר"?

אין קלייניגקייט: די פערוואַלטונג קאָן נישט קומען אין אַנ'אויסגלייך מיט דעם הויפּט-פאַקטאָר פון דער דאָזיגער אינסטיטוציע — מיט דעם כאָר.

עס איז געשעהען אַזוי, אַז די פערוואַלטונג לעבט נאָך מיט פאַר'מלחמה'דיגע דאָקטרינעס, און דער כאָר, להיפוך, לעבט מיט אונזער צייט.

אַנומעלט בימי חייקעל יאַנאָווסקי איז עס, פערשטעהט זיך, געווען אַנדערש:

די פערוואַלטונג האָט דאַן געהאַט אַ בולט'ן אידעאישען אונטערשלאַג, און מען האָט איהר געקאָנט מוחל זיין די „פעסטע האַנד" איהרע, ווייל די כוונות זענען רייגע געווען, ווי געזאָגט, קלאָהרע, קאָנסעקווענטע און לטובת דער זאַך גופא.

איצט איז אָבער פון לאַנג שוין די אידעאישקייט פערשוואונדען; עס איז פערשוואונדען די ריכטליניע, עס איז פערשוואונדען דער זינען פאַר דער צייט, און אויסגעבליבען איז נאָר די שווערע האַנד, וואָס האָט נישט קיין כוח און קיין אווטאָריטעט צו פיהרען אַזאַ מין אינסטיטוציע, ווי דער „הזמיר" בעדאַרף צו זיין.

עס איז דעריבער זעלבסטפערשטענדליך, אַז דער כאָר קאָן נישט געפינען די ריכטיגע שפּראַך פאַר אַ הסכם מיט דער פערוואַלטונג, און די בעציהונגען זענען פערשאַרפט געוואָרען ביז צום ערגסטען.

דער כאָר וויל דינען דעם יודישען פאָלקס-ליד, דער יודישער און וועלטליכער נגינה, דער כאָר וויל האָבען אַ קינסטלערישען פּנים, ער וויל זיך בילדען, און אַרבייטען איבער זיך, און די פערוואַלטונג האָט די איינציגע אַמביציע — צו בלייבען פערוואַלטונג...

דאָס איז איהר איינציגער פערלאַנג, וואָס איז, אייגענטליך, אינערך, און אין דעם קלאַמערט זי זיך מיט איהרע לעצטע שוואַכע כוחות.

כדי צו בלייבען זיצען אויפ'ן בענקעל און צו רעגירען, כשרט זי אַלע טריפ'ע מיטלען, און עס מאַכט דעם איינדרוק, אַז דער איינציגער ציל איהרער איז נישט צוצולאָזען דעם כאָר צום פּסוק.

כידוע איז דער כאָר — אַ דילעטאַנטען-כאָר, אזוי ער אָפּערט פיל צייט און ענערגיע, כדי צו דערהאַלטען זיך אויף אַ געהעריגע מדרגה.

זיין איצטיגער פערלאַנג איז, אַז פערוואַלטען זאָל מיט איהם אַנ'אַווטאָריטעטע ענערגישע האַנד מיט שכל און זינען פאַר אונזער צייט.

זאָל זיך די יודישע געזעלשאַפט פעראינטערעסירען מיט איהר עלטסטער קולטור-אינסטיטוציע — מיט'ן „הזמיר".

פאָרזיצער פון כאָר: א. מאַראַקאַ.

„מאסקעס"
מאסקעס פון לעבען
מאסקעס פון מענשען
מאסקעס פון פערברעכען
מאסקעס פון מאראל
נעכסטער פּראָגראַם
אין קינא
גרויסער זיטען-פילם
מיט דער שעהנער
Marcella Albani
i E. Kaiser
U. F. A. פּראָדוקציע
„CAPITOL"

יוּר. טרוימען-פערמאָן און פוילן
דירעקטאָריאַט
פון די פּעראַנאַס - טעאַטערן
בעפּולמעכטיגטער: שטאָקפּעדער
לײַטער: א. בעזמאַן

לאדז.יוד. קאַמער-טעאַטער
ביילער איי ווייסענזאל
„מאַנטייפעל זאַכאַדניאַ 43
„אררט"
קינסטל. לײַטער:
משה בראָדערזאָן.

מאָנטאַג, דעם 13 אָקט. 9 אין אָוונט
פייערליכע דערעפנונג פון סעזאָן 1930/31
מיט דער גרויסער פּרעמיערע א. נ.:
גוט מאָרגען, קאזע!...
אין 2 טיילען, 12 בילדער.
אַנסאַמבל לויט'ן א. ב. פּ ר ו י ע ן: זיסעל-גירל, לאָלאַ זילבערמאַן, שיינע מרים, מאַשע פּעטערמאַן, לילי פּערי, אסתר ראָזען. מ ע נ ע ר: שמואליק גאָלדשטיין, שמעון דזשיגאַן, מאָטעל קאָן יעקב ריינגלאַס, ישראל שומאַכער, י. שיפּער.
טעקסטען: מ. בראָדערזאָן, משה נאַדיר, י. אָבערזשאַנעק מוזיק: ה. רובין, א. בײַנגעלמאַן און פאָלקס-מאָטיוען! דעקאָר. און קאָסטיומען: י. ברויבער און ח. חיגאַרויט. מוזיק-לײַטער—ה. רובין, רעזשי—דזשיגאַן. שומאַכער. בינע-אינספּעקטאָר—מ. קאָן, ליכט-עפעקטען—יעראָז.
דינסטאָג, ד. 14 אָקט. 2 פאַרשטעלונגען
4 נאָכמ. און 9.45 אין אָוונט.
מיטוואָך, ד. 15 אָקט. 3 פאַרשטעלונגען
4 נאָכמ., 7.45 און 9.45 אין אָוונט.
בילעטען צו בעקומען אין קאַסע פון 11 — 2 בײַטאָג און פון 5 אָוו. שבת און יום-טובים אַ גאַנצען טאָג.

1 יאהר טורמע פאר פערשווענדען רעגירונגס-געלד

אין געריכט איז פאָרגעקומען דער פּראָצעס געגען בעאַמטען פון בזשעזשינער פּאָוויאַט סטאַנ. פּופּקא, וועלכער האָט פערשווענדעט 11 טויזענד זל. וואָס ער האָט בעקומען פון דער פּאָסט.

דאָס געריכט האָט איהם פערמשפּט אויף 1 יאָהר טורמע.

פערזענליכעס

צוריקגעקומען פון אויסלאַנד עהרנעכטען איז אונזער חשובער חבר, רעד. י. אוגער.

ער האָט אַדורכגעמאַכט אַ גרעסערע רייזע איבער מערב-אייראָפּא, וואו ער האָט זיך בעקאַנט מיט'ן לעבען פון פערשידענע יודישע ישובים און איז אויפגענומען געוואָרען דורך פערשידענע יודישע אינסטיטוציעס, און פּעראייגען.

פערשוואונדען געווארען א יונגע פרוי

שוין זייט 2 וואָכען איז פערשוואונדען געוואָרען פון דערהיים די פרוי בינה מלאָטעק, 30 יאָהר אַלט, און איז נישט צוריקגעקומען.

די דאָזיגע פרוי איז אומנאָרמאַל.

געווען איז זי אָנגעטון אין אַ גראַנאַט מאַנטעל און אין אַ בערעט.

אויב עמיצער ווייסט עפּעס וועגען איהר, בעט מען צו-וויסען געבען ביי בעלפער אויף שענקעוויטש-גאַס 64.

שפראך-קורסען פאר עמיגראנטען אין „יעאס"

די היגע אָפּטיילונג פון דער צענטראַלער יודישע עמיגראַציע-געזעלשאַפט „יעאס" קילינסקי 49 בענייט ווידער די שפּראַך-קורסען פאַר עמיגראַנטען, וועלכע זענען אין די זומער-חדשים איבערגעריסען געוואָרען.

עס ווערען געעפענט קורסען פאַר פראַנצויזיש, ענגליש און שפּאַניש.

די לימודים הויבען זיך אָן דעם 15-טען ד.ח. איינשרייבען קען מען זיך פון היינט אָן אין קאַנצעלאַריע פון „יעאס".

העברעאישע אוונד-קורסען

די לייטונג פון די העברעאישע אוונט קורסען ביי דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פערענדיגט שוין די הכנות אויף צו עפענען צוריק די קורסען. די איינשרייבונגען וועלען דויערען נאָך אַ פּאָר טאָג און די למודים הויבען זיך אָן באַלד נאָך סכות. דער גענויער טערמין וועט בעזונדערס מיטגעטיילט ווערען.

איינשרייבונגען אין אַלע גרופּען ווערען ווייטער אָנגענומען אין ציוניסטישען ביוראָ, צעגעלניאַנאַ 4.

פאלקס-אוניווערזיטעט

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ווידער-ערעפענונג פון דער פאָלקס-אוניווערזיטעט ביי דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע איז בעשלאָסען געוואָרען צו רופען אַ בעראַטונג פון די אָנגעזעהנסטע פּרעלעגענטען, כדי פעסטצושטעלען דאָס פּראָגראַם פון די פאָרלעזונגען אויף דעם קומענדיגען ווינטער-סעמעסטער.

נייער פאליציי קאמיסאר

(2) דער ביז־איצטיגער לייטער פון 6. פאַ־ליציי־קאָמיסאַריאַט אספיראנט דאַווידאוויטש איז איבערגעפיהרט געוואָרען קיין ראַדאָמסק. אויף זיין אָרט איז בעשטימט געוואָרען דער ביז־איצטיגער פּאָליציי־קאָמיסאַר פון וולאָצלאַוועק אַספיראַנט יול־יוש פרידריכאָווסקי.

זעלבסטמארדען

(2) אויפ'ן אַלטען מאַרק 9, וואוינט די פאַ־מיליע ברונער. נעכטען בייטאָג האָט זיך די 19־יעהריגע פייגע על־פי טעות אויסגעטרינקען פון אַ פלעשעל סם. זי האָט באַלד דערפיהלט, אַז זי האָט געהאַט אַ טעות און אָנגעהויבען שרייען. מ'האָט אַרויסגערופען די פּאַגאָטאָווע, וועלכע האָט פעסטגעשטעלט, אַז זי האָט זיך פער'סמ'ט מיט זאַלץ - זויער.

ברונער איז געשטאָרבען. מיט דער לויה בע־שעפטיגט זיך „חסד של אמת“.

(—) נעכטען האָבען מיר מיטגעטיילט וועגען דעם זעלבסטמאָרד פון ליפע פּאָמעראַנץ. היינט איז ער געשטאָרבען. מיט דער לויה בעשעפטיגט זיך „חסד של אמת“.

אפטייקען

די היינטיגע נאַכט דיזשורען

(2) אנטאָניעוויטש (פּאַביאַניצקאַ 50), כאַנ־זשינסקי (פּיעטריקאָווער 164), כאָקאָלעוויטש (פּשע־יאַזד 19), רעמבּעלענסקי (אַנדזשעיאַ 28), זונדע־לעוויטש (פּיעטריקאָווער 25), קאָספּערקעוויטש (זגער־זשער 54), טראָוקאָווסקי (בושעזשינסקאַ 56).

א רעפעראט פון ד"ר מ. ברוידע אין „התאחדות“

ווי בעקאַנט, האָט זיך אין דעם אַלוועלטליכען קאָנגרעס פאַר'ן אַרבייטענדען א"י, בעטייליגט אַלס עהרען־דעלעגאַט ר"ר מ. ברוידא פון לאָדז.

א.ד.ט. „פאַרוואָס בין איך געגאַנגען צום קאָנ־גרעס פאַר'ן אַרבייטענדען ארץ־ישראל“, וועט דר. ברוידא רעפערירען מיטוואָך, מוצאי יום־טוב 9 אָוונד אין זאַל פון „התאחדות“.

די העברעאישע נאַכמיטאָג־קורסען ביי „מרכז עבר“

די לייטונג פון „מרכז עברי“ איז צוגעטרעטען צו פערברייטערן די ביז איצט עקזיסטירענדע העב־רעאישע קורסען פאַר קינדער פון „פּאָווזשעכנע“־שולען. די קורסען וועלען פאָרקומען נאָכמיטאָג אונטער דער לייטונג פון פּאַכלייט.

איינשרייבונגען ווערען אָנגענומען יעדען טאָג אין סעקרעטאַריאַט פון „מרכז עברי“ (אין לאָקאַל פון דער ציוניסט. אָרגאַנ., צעגעלניאַנאַ 4, צימער 5) אין אָוונד.

ארטיסטען וועלן אנפיהרען מיט די פוילישע שטאט. טעאטערס

פרייטאָג איז אונטערגעשריבען געוואָרען אַני־אָפּמאַך צווישען מאַגיסטראַט און די פעראייניגטע אַרטיסטען, וועלכע האָבען איבערגענומען די אָנ־פיהרונג פון די דריי שטאָטישע פוילישע טעאַ־טערס, אויפ'ן אָרט פון דיר. אַדוואָצמאָוויטש.

די ביבליאטעק „עבריה“

די העברעאישע ביבליאָטעק „עבריה“ וואָס שטעהט אונטער דער לייטונג פון „מרכז־עברי“ ענטוויקעלט זיך מיט אַ שנעלען טעמפּאָ. לעצטענס איז ווידער צוגעקויפט געוואָרען אַ גרעסערער טראַנספּאָרט ביכער פון די נייעסטע איי א. א. אויסגאַבען. די ביבליאָטעק צעהלט איצט איבער 2.500 ביכער אין אַלע געביטען פון דער העברע־אישער ליטעראַטור. די ביבליאָטעק איז טעטיג יעדען זונטאָג, דינסטאָג און דאָנערשטאָג פון 8—10 אָוונד.

ביי דער ביבליאָטעק איז טעטיג דער לעזע־זאַל פון „מרכז־עברי“, וואָס איז אָפען יעדען אָוונד און אין וועלכען עס געפינט זיך די ארץ־ישראל'דיגע העברעאישע פרעסע און פערשידענע העברעאישע צייטשריפטען פון אַנדערע לענדער.

ווער ווייסט?

זונטאָג פאַר יוה"כ איז פון דערהיים אַרויס־געגאַנגען דער 15־יעהריגער יעקעל ראָלניצקי, אַ שניידער. ער האָט זיך צעווערטעלט אינדערהיים און מ'ווייסט נישט, וואו ער געפינט זיך. ער איז גע־ווען אָנגעטון אין אַ ברוינער האַקי־מאַרינאַרקע, קורצע הויזען מיט זאָקען, ביי זיך האָט ער גע־האַט זיין מעטריקע.

ווער ס'ווייסט עפּעס וועגען איהם ווערט גע־בעטען מיטצוטיילען צו זיינע עלטערען אין פּעט־ריקאָוו, גאַרנצאַרסקאַ 3.

* * *

נעכטען איז אַוועק פון דערהיים דער 7־יעה־ריגער טוסק פון ציגעל־גאַס 57. דאָס יונגעל האָט שוואַרצע האָר איז געווען אָנגעטון אין אַ גרין אַנציגעל מיט אַ יודיש היטעל און געשנירטע שיכ־לעך. ווער ס'ווייסט עפּעס וועגען איהם, ווערט געבעטען מיטצוטיילען ביי זיינע עלטערען.

רעפעראט פון ה' א. בערגמאן (א"י) אין „מרכז־עברי“

שבת, איז פאָרגעקומען אין לאָקאַל פון דער ציוֹנ. אָרגאַניזאַציע די פאָרלעזונג פון ה' א. בערג־מאַן, דעם בעקאַנטען פּעדאַגאָג פון תל־אביב. דער גאַסט האָט רעפערירט אד"ט: „די יוגענד און איהר ראָל אין אויפבוי ווערק פון ארץ־ישראל“. דער רעפעראַט האָט צוגעצויגען זעהר אַ גרויסען פּוב־ליקום.

דער רעפערענט האָט געשילדערט דאָס לעבען פון אונזערע חלוצים, צום סוף האָט דער גאַסט געענטפערט אויף די פראַגען, וועלכע דאָס פּוב־ליקום האָט איהם געשטעלט. דער פערזאַמעלטער עולם האָט דעם רעפערענט געמאַכט אַנ'אָוואַציע.

יודיש טעאטער

„די אייבּיגע מאַמע“ געהט ווייטער מיט ער־פאָלג. די פּיעסע ווערט ווייטער געשפּילט דינסטאָג און מיטוואָך אין אָוונט. דינסטאָג בייטאָג ווערט געשפּילט צו ביליגע פּרייזען ראַקאָוו'ס „תלמיד־חכם“, מיטוואָך בייטאָג — נאָלפאָרענגס היסטאָ־רישע אָפּערעטע „עקרת יצחק“.

היינט געזעגנונגס - קאנצערט פון יאסע פאדיללי

היינט, מאָנטאָג, 8.30 אָוונט קומט פאָר אין פילהאַרמאָניע דער צווייטער און געזעגנונגס־קאָנ־צערט פון פּאָפּולערען הישפּאַנישען קאָמפּאָזיטאָר יאָסע פּאַדיללי, דער שעפער פון דער מעלאָדיע „וואַלענציע“ און „פּיאַלעטע“. זי אויך די אונפערגלייכליכע אינטערפּרעטאַטאָרקע פון זיינע לי־דער פרוי ליריאַ פּאַרייראַ, די אויבענדערמאָהנטע קינסטלער וועלען צו זייער געזעגנונגס־פאָרשטעלונג אויספיהרען אַ גענצליך נייעם פּראָגראַם. פרוי פּאַ־רייראַ וועט זינגען 20 נייע שלאַגער־נומערן און וועט זיין געקליידעט אין 20 שעהנע עפּעקטפולע קאָסטיומען.

„אין פאליש אויף דער קייט“

אין דער יודישער טעאטער־סטודיע

בקרוב וועלען מיר האָבען די מעגליכקייט צו זעהען אויף דער יודישער בינע איינס פון די גרעסטע ווערק פון אונזער גרויסען דיכטער י. ל. פּרץ „אין פּאָליש אויף דער קייט“, אויסגעפיהרט דורך דער „יודישער טעאטער סטודיע“ אין „הזמיר“ רעזשיסירט דורך ה' אידעם דער קאָמפּאָזיטאָר העניך קאָן, וועלכער האָט זיך קונה שם געווען מיט זיינע יודישע נגונים ביי די „ווילנער“, האָט ספּעציעל געשאַפען צום ווערק הערליכע מוזיק, דער בעריהמטער קונסט־מאָלער יצחק ברוינער האָט פּראָיעקטירט גראַנדיעזע קאָנסטרוקטיווע דעקאָ־ראַציעס. די פּרעמיערע וועט אויפגעפיהרט ווערען אין'ם אייגענעם טעאטער־זאַל פון „הזמיר“.

דאנערשטאג — קאנצערט פון וואסא פריהאדא

היינטיגען דאָנערשטאָג וועט אין פילהאַרמאָניע פאָרקומען אַ קאָנצערט פונ'ם בעריהמטען פידעל־שפּילער וואַסאַ פּשיכאָדאַ.

מעלדונגען

אכטונג, שטריקער־אַרבייטער!

דינסטאָג, דעם 14. ה. ח., 2.30 נאָכמ. קומט פאָר אַ פערזאַמלונג פון אַלע שטריקער־אַרבייטער און נעבען־צווייגען, אין פעראיינס־לאָקאַל, פּאָר־לעשנאַ 26. 5

טאָג־אָרדנונג: 1) די לאַגע אין פאַך, 2) אָ־גאַניזאַציע און 3) פרייע פאָרשלאַגען.

צוליב די וויכטיגקייט פון טאָג־אָרדנונג, ווערען אַלע שטריקער־אַרבייטער און אַרבייטערינס אויפ־געפאָדערט צו קומען טאַקע אויף די פערזאַמלונג. די שטריקער־סעקציע.

געזעלשאַפט צו פערשפּרייטען מלאכה און ערד־אַרבייט צווישען יודען „אָרט“ אין לאָדז, וואָול־טשאַנסקאַ 27, טעלעפ. 23־111.

די פערוואַלטונג פון „אָרט“ אין לאָדז מאַכט דערמיט בעקאַנט, אַז דאָנערשטאָג, דעם 16־טען אָקטאָבער 1930 הויבען זיך אָן די לימודים אויף פאָלגענדע קורסען: 1) רונד־קראַפּט־זאָקען, 2) קראַפּט־שפּולען, 3) קראַפּט־קעטלען, 4) וועש־ניי־עריי, 5) דאַמען און קינדער־קאָנפעקציע, 6) מאַשין־האַפּט, 7) האַנט־האַפּט, 8) מאַניקיור, 9) אַנדו־לאַציע, 10) מענער־צושניידעריי, 11) דאַמען־צו־שניידעריי, 12) אָוונט־קורסען פאַר האַנדווערקער.

איינשרייבונגען אויף די דערמאָנטע קורסען נעמט נאָך אָן די קאַנצעלאַריע פון „אָרט“, וואָול־טשאַנסקאַ 27, אין די ביוראָ־שעה'ן.

פאַר וואָס האָב איך זיך בעטייליגט אינ'ם קאָנ־גרעס פאַר'ן אַרבייטענדען א"י, אַ רעפעראַט פון ד"ר מ. ברוידא אין „התאַחדות“.

5 מיטוואָך, מוצאי־יום־טוב, דעם 15. ה. ח. 8.30 אָוונד קומט פאָר אין זאַל פון „התאַחדות“ שיענ־קעוויטשאַ 3־5 אַ רעפעראַט פון ד"ר מ. ברוידא עהרען־דעלעגאַט צום קאָנגרעס פאַר'ן אַרבייטענ־דען ארץ־ישראל אד"ט: „פאַר וואָס האָב איך זיך בעטייליגט אינ'ם קאָנגרעס פאַר'ן אַרבייטענדען ארץ־ישראל“. דער רעפעראַט האָט אַרויסגערופען אַ גרויסע פאָראינטערעסירונג. איינגאַנגס־בילעטען צו בעקומען אין „התאַחדות“, שיענקעוויטשאַ 3־5.

ראדיא־פראגראם

מאנטאג, דעם 13 אקטאבער

11.58 צייט־סיגנאַל און העינאל פון מאַריאַ־צקי טורעם אין קראקא, 12.05 מוזיק פון גראַ־מאפאן פליטען, 13.15 טאָג־פּראָגראַם און רעפּער־טואַר פון קינא און טעאַטער, 15.50 לעקציעס פון פראַנצויזיש, 16.15 פּראָגראַם פאַר עלטערע קינ־דער און פאַר יוגענד, פעליעטאָן און אַ פרעהליכע פירטעל שעה, 16.45 מוזיק פון גראַמאָפאָן־פליטען, 17.15 פאָרלעזונג וועגען פערמאַכען די פוילישע שולען אין 1908. 17.45 טראַנסמיסיע פון לייכטע מוזיק פון גאַסטראָנאָמיע. 18.45 פערשידענעס. 19.10 קאָמוניקאַטען פון דער האַנדעלס־קאַמער אין לאָדז א. אַנד. 19.25 גר. פליטען. 19.50 גר. פליטען. 20.00 מוזיקאַלישער פעליעטאָן. 20.15 צווישען ביכער איבערזיכט וועגען די נייעסטע אויסגאַבען. 20.50 אָוונד־קאָנצערט. 22.00 פע־ליעטאָן. 22.15 מוזיק פון גר. פליטען. 22.35 קאָ־מוניקאַטען מעטעאָראָלאָגישע און ספּאָרט.

דינסטאג דעם 14 אקטאבער

11.58 צייט־סיגנאַל און העינאל פון מאַריאַ־צקי־טורעם 12,05 מוזיק פון גר. פליטען, 13,15 טאָג־פּראָגראַם און רעפּערטואַר פון קינאָ און טעאַטער, 15,35 — אַ רגע זיפט פליהעריי, 15,50 פאָרלעזונגען וועגען דער לערער־פּראָפעסיע. 16,15 מוזיק פון גר. פליטען. 17,15 וועגען וואַסער־לייטונג אין שמאָליגען פוילען. 17,45 פּאָפּולערער סימפאָנישער קאָנצערט. 18,45 פערשידענעס 19,20 קאָמוניקאַטען פון דער האַנדעלס קאַמער א. אנד. 19,25 מוזיק פון גראַמאָפאָן־פליטען. 19,50 אָפּערע פון פויזען, קאָמוניקאַטען, טראַנסמיסיע פון אויס־לענדישע סטאַציעס.

מיטוואך ד. 15 אקטאבער

11.58 צייט־סיגנאַל און העינאל פון מאַריאַ־צקי־טורעם. 12,05 מוזיק פון גראַמאָפאָן־פליטען. 13,15 טאָג־פּראָגראַם און רעפּערטואַר פון קינא און טעאַטער. 15,35 סקויטען־קאָמוניקאַט. 15,50 ראַדיאָ־כראָניק. 16,15 אַ פערטעל שעה פאַר די יונגסטע. 16,45 מוזיק פון גראַמ. פליטען. 17,15 פאָרלעזונג. 1745 פּאָפּולערער קאָנצערט. 1845 פער־שידענעס 19,10 קאָמוניק. פון האַנדעלס־קאַמער א.א. 19,25 מוזיק פון גר. פליטען. 19.30 מוזיק פון ג"ר. פליטען. 20.00 פאָרלעזונג. 20.15 איטאַליע־נישער קאָנצערט. 22.15 טשערעפּינס קאָנצערט. 22.50 קאָמוניקאַטען מעטעאָראָלאָגישע, פּאָליציי און ספּאָרט, טאַנץ־מוזיק פון וואַרשא.

קלאנג=פילם=טעאטער CASINO קלאַנג=פילם=טעאַטער CASINO
די לעצטע 2 טעג!
דער ליבלינג פון פובליקום
Harold Lloyd
אין זיין ערשטער קלאַנג־קרעאַציע
פראכט פון געפאהר
לעצטע 2 טעג!

DZIŚ W RADJO
Godz. 20.30
„PIĘKNA HELENA“

קינא־טעאטער ZACHĘTA
26 זגערזשער 26
(ב"ם פלאַץ קאָשטשעלני)
פערשטאַרקטער סימפאָנישער אָרקעסטער

היינט צום לעצטען מאל!
„דער למד'ר'ניק“
מארגען גרויסע פרעמיערע!
Hans Stuwe מיט „גראף קאגליאסטרא“
אין די הויפטראָלע.
היינט צום לעצטען מאל!

Palace
פּיעטריקאָווער 108
היינט די שאמפּאַנער פרעמיערע! גרויסע באמבע פון הומאר און וויץ!
די נייעסטע פּראָדוקציע פון 1930 „Universal“
COHN i KELLY אין שאטלאנד
GEORGE SIDNEY i CHARLIE MURRAY: געלעכטער ביז טרעהרען! — 100 מינוט לאַכען! — אין דער הויפטראָלע:
מוזיק פון לידויער. — אָנהייב 4 אַ זייגער נאָכמ. שבת און יום־טוב 12 אַ זייגער בייטאָג. אויף די ערשטע סעאַנסען זענען די פרייזען פון 80 גר. אָן.

Odeon
ERNA MORENA i PAWEŁ RICHTER
אין דער מעכטיגער דראַמע פון אריסטאָקראַטישען לעבען א. ג.
דער דערנער־וועג מיט גורל
פילם פון אַ פּראַכטיגען אינהאַלט און אויסשטאַטונג. בעמערק.: אויפ'ן פערלאַנג פון ג' פּובליקום פון קינאָ־טעאַטער „Odeon“ ווערט דעמאָנסטרירט דינסטאָג און מיטוואָך פון 12—3 נאָכמיט.
דער פילם א.נ. „דער פערכישופטער דיוואַן“ מיט Pat i Patachon פרייזן צו 50 גר. און 1 זל.

Wodewil

פּאַרטעגס

קאַפּעלושען
Borsalino, Habig, Scots
אויסשליסליכער פערקויף

שיך — איטאַליענישע — און אילענדישע
עלעגאַנטע בעשטעלונגס' שניידער=אבטיילונג
אונטער דער ליימונג פון גענימע פאַכמענער.
מענער-גאַלאַנטעריע די איינציגע קוועלע אין לאדז
H. PFEFFER PIOTRKOWSKA 111

מעבעל-פּ עכאנישע אבריק
M. GELERMAN
Napiórkowskiego 59 tel. 186-71

בעזיצט אויף לאגער די מאדערנסטע וואוינונגס-איינריכטונגען פון בעסטען סאָרט האלץ.
ס'ווערען אנגענומען זעמטליכע בעשטעלונגען ∴ פאַבריקס=פּרייזען.
בעמערקונג: דאָס מעבעל איז גאַראַנטירט, ווייל כ'בעזיץ אַן איינענע טראָקנעריי צום טרוקענען האָלץ

קירזשנער שניידער ווערקשטעל
Piotrkowska 19, tel. 224-66 i 162-23.
געפינט זיך אונטער דער פּערזענליכער ליי'טונג פון דיפּלאָמירטען פּאַריזער מייסטער ה' ה. זוסמאַנעק (זוהן) און נעהמט אָן זעמטליכע שניידער-קירזשנער-אַרבייטען לויט די נייעסטע מאָדעלען פון אייגענע און אָנפּערטרויטע שטאָפען

L. SUSMANEK
צו קאָנקורענץ-פּרייזען!

רעווי-טעאַטער
„Dobry Wieczór"
אין דער געביידע פון קינא=טעאַטער
„BAJKA„
פראַנציסקאַנער 31a, רוג בושנושינער
(צופאָהר מיט טראַמוואַיען 1, 6 און 14.)

היינט און פאלגענדע טעג! היינט און פאלגענדע טעג!
„מיר טרעפען זיך" אויף דער קאַפּערניקאַ"
גרויסע פּרעכליכע רעווי פון געזאַנג און טאַנץ אין 2 טיילען 16 בילדער. אין פּראָגראַם: סקעטשען, אינסצעניזאַציעס סאָלאָ נומערן, באַלעט, כאָרען א.ז.וו. אייגענע דעקאָראַציעס, קאָסטיומען, ליכט-עפעקטען. אַנטייל פון די אַנגאַזשירטע אַרטיסטען מיט די ה"ה Laskowski, Janecki אין דער שפּיץ אלעקסאַנדער סאַז אַלס קאָנפעראַנסיער. פּרייזן פון 75 גר. ביז 3 זל.
טעגליך 2 פאָרשטעלונגען: 7.15 און 9.15, אָוונד שבת, זונטאָג און יום=טוב 5.15, 7.15 און 9.15 אוועגד
פאָרפערקויף פון בילעטן אין דער ביוראָ „Reklama Polska" פּיעטריקאָווער 101 טעל. 126-89 טעגליך פון 11 פריה ביז 4 נ"מ.

7=קלאַסיגע שולע און פּרעבלשולע
פּון
די רענאָמירטע ערציהונגס=אַנשטאַלט
קאַצענעלזאָן-גאַחומאָב
8 נאַד לודקאַ 8 (צווישען נאַווראָט'עסקאַ און וסכאָדניאַ)
טעלעפאָן 177-01 (פון 11 ביז 2)
יעדער אין שול-צוואַנג עלטער ד. ה. פון 7 ביז 15 יאָהר ווערען אַ גענומען אין די קלאַסען: A, B, C, I, II, III, IV
אין פּאָרבערייטונגס-קלאַס A° ווערען אנגענומען ענטוויקעלטע קינדער פון 5½-7 יאָהר. אין די פרעבל=שולע (שפּיל-שולע) קינדער פון 3-7 י.
חוץ דעם אַלגעמיינעם שול-פּראָגראַם, קענען די אָרטאָדאָקסישע קינדער געניסען פון נאָכמיטאַג=חדר וואו ס'ווירד געלערנט גרונדליך אַלע למודי-קודש, דהיינו: חומש, רש"י, נ"ך, גמרא, ותוספות דורך מלמדים-ספּעציאַליסטען אונטער דער פּערזענליכער השגחה און הנהלה פון בעוואוסטען למדן ר' יעקב בנימין קאַצענעלזאָן
בעמ.: די צאָהל שעה'ען, ווי אויך מלמדים פאַר למודי-קודש זעגען היי-יאָהר בעדייטענד פּאַרגרעסערט.
פאַר פּויזיש שוואַכע קינדער, ווי אויך פאַר אונבעמיטעלטע עגוויסטירט
נאָכמיטאַג שולע — ביז 50% בילינער — נאָכמיטאַג
נאָכמיטאַג חדר — פּ עבלשולע

א שדכן
ווערט געזוכט.
די אַדרעס צו ערפאַהרען אין אַדמיניסטראַציע.

בוכהאַלטעריע
איינפאַכע און דאָפּעלטע
איטאַליענישע
און אַמעריקאַנישע
ווי אויך מאַשין-שרייבען און רעכנען לערן איך אויס גרונדליך פאַר 30 זל. בלויז מאַשין-שרייבען 10 זל. קוליג-סקיעגאַ 50 קוו. אַפּוצינע ערשטער שטאָק (פרוהער צעגעלניאַנאַ 55) בעמערקונג: פיר ערשטלען אויך קאָרעספאָנדענץ האַנדעלס-טרויטעמטיק און סטענאָגראַפיע.

עס ווערען געברויכט
האָנדנייהערס אָדער האַנדנייהערינס צו דאַמען - מאַגאַזין - אַרבייט
ביי פרייהלעך
פּאַמאָרסקאַ 39.

קירזשנער-אַטעליר צו מיינער ג' קונדשאַפט! קירזשנער-אַטעליר
צום אָנקומענדען סעזאָן איז מיין קירזשנער-ווערקשטעל (עקזיסטירט זייט 1915) בעדייטענד פערגרעסערט, אויפ'ן פאַסאָן פון די נייעסטע אויסלענדישע קירזשנער-ווערקשטעלען ערשטקלאַסיגע פאַך קרעפטע. דאַמען- און הערען-בעשטעלונגען, זעמטליכע רעפאַראַציעס און פאַרבען פון פעלץ-זאַכען ווערען אויסגעפיהרט שנעל, טאַדעללאָז און פּינקטליך. מיין לאַנג-יעהריגע פּראַקטיק און טעטינקייט גאַראַנטירט אַמבעסטען פאַר די העכסטע בעפרידיגונג פון מיין ג' קונדשאַפט. כ'רעכען אויך ווייטער אויף דעם פולסטען צוטרוי פון דער ג' קונדשאַפט.
מיט אַכטונג מ. פישלעוויטש, פּיעטריקאָווער 20, טעלעפאָן 221-39

דראַט-צוימען

געפלאָכטענע, געהעבען, געלעכער-טע, ראַביץ-געוועבען און אַלע מע-טאַלען עמפפעהלט צו בילינע פרייזן
RUDOLF JUNG
Łódź, Wólczańska 151, telefon 128-97.

צנים פחים בדרך עקש.
שומר נפשו ירחק מהם.
תקעו בחודש שופר. בכסה ליום חגנו. כי חוק לישראל הוא
משפט.
איבער דעם זאָלסט קומען אין דער אַלטער בעוו, רעכטסקאָנסולענטעז-ביוראָ פון ה' מאַנעלאַ, פּיעטריקאָווער 17
זאַכאָדניאַ 52) טעל. 148-79
וואו עס ווערט שנעל און פּינקטליך ערלעדיגט געוויסענהאַפט געשריבען אַלערליי ביטעס: ציווילע, קאַרנע, האַנדלאָווע, אַפּעלאַציעס, אדוואַלאַניעס, קלאַוזולעס, זאַבעזפּיעטשעניעס אויף אַלע שטעדט אין פּוילען, ווענען דירות אין אורזשאַנד ראָזיעמטשי, ווי אויך איבערזעצונגען אין אַלע שפּראַכען. בעמערקונג: קלאַוזולעס און זאַבעזפּיעטשעניעס ווערען ערלעדיגט במשך פון 24 שעה.
מיט אַכטונג ד. מאַנעלאַ, פּעטריקאָווער 17.

PORADNIA WENEROLOGICZNA
פון דאָקטוירים-ספּעציאַליסטען
זאַוואַדסקאַ 1.
נאָר פאַר ווענערישע הויט-קראַנקה. און מענער-שוועכע אַנאַליזען פון בלוט און אויספלוס אויף סיפיליס און טריפער. קאָנסיליומס מיט ספּעציאַליסטען פון אוראַלאָגישע און נערווען-קראַנקהייטען.
קוואַרץ-לאַמפּ. עלעקטרישער היילקאַבינעט קאָסמעטיק.
-- טעגליך פון 8 פריה ביז 9 אָוועגד. --
פון 11 ביז 12 ביי טאָג און פון 2 ביז 3 נאָכמ. נעמט-אָן אַ פרוי-דאָקטאָר נור קינדער און פרויען
זונטאָג פון 9 פריה ביז 2 נאָכמיטאָג.
- בעזונדער וואַרטע-צימער פאַר פרויען -
וויזיט 3 זל.

Dr. med.
A. Uryson
אינערליכע קראַנקהייטען
ספּעצ. מאָגען, דאַרם און לעבער-קראַנקהייטען
קאָנסטאַנטינער 20 טעל. 215-85
(11-טער ליסטאָפּאַד)
אויפנאַהם-שעהן פון 3-5 נאָכמיטאָג

Dr. med.
B. Robinson
פּיעטרקאָווער 10, טעל. 131-86
צוריקגעקעהרט

לעטשניצע
פון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען
און דענטיסטישער קאַבינעט.
בושטשינער 11, טעלעפאָן 3763
אָפען פון 9 פריה ביז 7 אָוועגד.

ד"ר איסיך נאָז, האַלז, אויערען קר.	4½—5½
ד"ר ספּרשנער קינדער-קראַנקה.	9-11 4½-5
ד"ר שיפמאַן אינערליכע קראַנקהייטע	2—12
ד"ר ביבערגאַל הויט און וענער.קר.	12½—11½
ד"ר שטירנפעלד נערווען און גמטמיגע קר.	2—1
ד"ר גאָלדבלאַט אויגען-קראַנקה.	1½—12½
ד"ר ווייס כירורגישע קראַנקהייטען	3—2
ד"ר שמערלאָווסקי פרויען-און געבורט-הילף	4½—5½

פּסיכאָ-טעראַפּיע, שפּראַך-שטערונגען ווי שטאַמלען א. ז. וו. פּאָקען-שטעלען, קינסטליכע בערג-זון-בעשטראַהל. איינשפּריצונגען, מאַסאַזשען, עלעקטריזאַציע, אָפּעראַצ. אויף ערלאַנג חיוזען אין שטאָט. אין לאַבאָראַטאָריום ווערען אָנגענומען אַלע אַרט אַנאַליזען, אויך פּרעגנאַנץ און בלוט אימפּונגען געגען שקאַרלאַטין.
ביי דער לעטשניצע איז געעפענט געוואָרען
א רענטגען=אינסטיטוט.
ד"ר לאָושי נסקי-סמאַראַפּאַלסקאַ
צאָהן-אַרצט 10—1, 3—6
קינסטליכע ציינער, קראָנען, פּלאָמבען א.א.וו.
די לעטשניצע איז טעטיג אויך זונטאָג

Lekarz Dentysta
H. Żółtkowska
האָט בעניית די אויפנאַהמען
נאָוואָ - צעגעלניאַנאַ 29.

Dr. med.
S. Małowist
ספּעציאַל-אַרצט פאַר האַלז, נאָז און אויערן קראַנק.
צוריקגעקעהרט
Gdanska 37, tel. 115-93
נעמט אָן פון 2 ביז 4

Dr. med.
M. Kerszner
קינדער=קראַנקהייטען
זשעלאַזנאַ 16 טעל. 151-96
שפּרעכשטונדען פון 1-3 און פון 5-6
אין דער לעטשניצע בושעזשינער 11 פון 11-1 נאָכמ.

Dr. Z. Rakowski
ספּ. פאַר אויערען-, נאָז-, האַלז- און לונגען-קראַנקה
קאָנסטאַנטינער 9, טעלעפאָן 127-81.
שפּרעכשטונדען פון 12-2 און פון 5-7. נעמט אויך אָן אין לעטשניצע נאַרושעל 17 פון 10-11 און פון 2-5

Dr. MAZUR
צוריקגעקעהרט

Dr. Różaner
צוריקגעקעהרט

DOKTOR
H. WOŁKOWYSKI
צעגעלניאַנאַ 25, טעל. 126-87
צוריקגעקעהרט
ספּעציאַל-אַרצט פאַר הויט- און ווענערישע קראַנקהייטען. מענער - שוועכע, אַלע אַרט אַנאַליזען, עלעקטראָטעראַפּיע, בעהאַנדלונג מיט קוואַרץ-שטראַהלען
נעמט אָן פון 8 - 2 נאָרמ. און פון 6 - 9 אָוועגד

Dr. med. NIEWIAŻSKI
ספּעציאַליסט פאַר סיפיליס, טריפּער און הויט-קראַנקהייטען, בעהאַנדלונג פון מענער-שוועכע
אַנדזשעיאַ 5, טעל. 159-40
נעמט אָן פון 8-11 און פון 5-9 אָוו.
זונטאָג און יום-טוב פון 9-1 פאַרמ.
בעזונדערער וואַרטע-זאַל פאַר פרויען.

Dr. med.
H. Gutstadt
ספּעציאַל=אַרצט
פאַר אַקושער און פרויען=קראַנקהייטען
צוריקגעקעהרט
זאַכאָדניאַ 62 (צעגעלניאַנאַ 23) טעל. 129-52
נעהמט אָן פון 5—7 אָוועגד.

„PRACA"
פרויען=פאַך=קורסען ביי דער געזעלש.
צו פערשפּרייטען פאַך = קענטנישען
אין לאַדז, וואָלטשאַנסקאַ 21
מאַכט דערמיט בעקאַנט, אַז ס'ווערען אָנגענומען איינשרייבונגען אויף פאָלגענדע אָפּטיילונגען:
1) דאַמען-שניידעריי 2) שטיקעריי
3) וועשעריי 4) אָנדולאַציע
5) גאָרסעטען 6) מאַניקור
7) היטעל-פּוצעריי
דער סעקרעטאַריאַט ערטיילט אינפאָרמאַציעס טעגליך פון 9-1 פאַרמ. און פון 3-7 אָוועגד.

עלטערן!
אין סיין נאָכמיטאַג חדר=שולע ווערען אָנגענומען
קינדער וואָס לערנען אין פּאָווסעכנע שולע צו לערנען: עברי, חומש, רש"י, תנ"ך, משניות, גמרא היסטאָריע, רעדען און שרייבען העברעאיש און יודישע בריה זעלבסט צוזאַמענשטעלען. ס'ווערען אויך אָנגענומען אָנפאַנגער וואָס ס'ווערט אין פאַרלויף פון 5 חדשים אויסגעלערנט גרינדליך דאַווענען. א שפּראַך רעליגיעז ערציהונג! צוגענגליכע פרייזען.
איינשרייבען טעגליך 2 ביז 8 אָוועגד.
יחיאל דוד ראָזענפעלד
פּלאַץ וואָלנאָשטשי (גמע שטאָט 6
קחער אָפיצינע, ו עכטע, 2. שט.

Dr. med.
I. Wajnberg
Cegielniana 47, tel. 26-02
אינערליכע קראַנקהייטען
ספּעציעל פאַר לונגען- און האַרץ - קראַנקהייטען
בעשטראַהלונגען און קינסטליכע בערג-זון
נעהמט אָן אין דערהיים פון 3-5.

יודיש טעאטער אין זאל פילהארמאניע נארוטאוויטשא 20

ווידישער
ארטיסטן-פאריין אין פוילן
דיר. פון די פעראיינס-טעאטערן

בעפולמעכטיגטער
דיר. א. שטאקפעדער
לייטער: א. בעזמאן

אזא שטורמישען ערפאלג האט נאך קיין שום פיעסע ביז היינט נישט געהאט!

טויזענדער מענשען געהען יעדען טאג אוועק פון קאסע אהן בילעטען!

דינסטאג, ד. 14 און מיטוואך ד. 15 אקט. 9 אוו.

דער גרעסטער שלאגער פון סעזאן

די אייביגע מאמע

אין 3 אקטען, 4 בילדער פון קאלמאנאוויטש.

אין דער הויפטראל „פרידע“ טרעט אויף די בעוואוסטע ארטיסטין פון קאמינסקי׳ס טעאטער

עווא שטאקפעדער

אכטונג: ס׳ווערט אויפמערקזאם געמאכט, אז „די אייביגע מאמע“ ווערט געשפילט צום ערשטען מאל אין לאדז און האט קיין שום שייכות מיט דער שוין געשפילטער פיעסע „די מאמע פון דער וועלט“.

איילט צו זעהען די לעצטע 2 מאל!

גאנץ לאדז
זינגט יעצט דאס העריליכע ליד
„די אייביגע מאמע“

אייביגע מאמע ווער קען פיהלען דיין צער
אייביגע מאמע, בלייבסט עוויג א נאר,
ביסט מקריב דיין לעבען, דיין גליק און דיין געוויסען
מיט דיין הארץ מיט דיין שטרעבן דערציסטו דיין קינד
און דו האפסט אויף דיעלטר, וועסטו האבן נחת דעפאר
איין מאמע קען אפילו פערזארגען קינדער צעהן
צעהן קינדער לאזען חלילה, איין מאמע בעטען בעהן
אייביגע מאמע, בלייבסט עוויג א נאר.

דינסטאג, ד. 14 אקט. 4 בייטאג צו ביליגע פרייזן
די סענסאציאנעלע פיעסע
דער תלמיד חכם
אין 4 אקטען פון ראקאוו.

מיטוואך, ד. 15 אקט. 4 בייטאג צו ביליגע פרייזן
די גרויסע היסטארישע אפערעטע
„עקדת יצחק“
אין 4 אקטען פון גאלדפאדען.

פינאל פון ערשטען אקט.

גאנץ ניי-אנגאזשירטער אנסאמבל פון ווארש. טעאטערס.
פרויען: י. פלאום, ש. פלאום, ס. פאזנאנסקא, ר. רעניגא.
מענער: מ. אייזענבערג, ח. בראקארזש, י. גרינהויז, י. הייגבערג, ד. לזאר, מ. מאקסימאוו, מ. פאזנאנסקי, א. קורץ, ח. פלאום. דיריגענט: ל. זעלמאן.

בילעטען אויף אלע פארשטעלונגען צו בעקומען א גאנצען טאג אין קאסע פון „פילהארמאניע“.

LUNA

ריזיגע גרויסע פרעמיערע!!!
גיגאנטישער אויפטו רעאליזאציע פון געניאלען רעזשיסער Strzyżewski מיסטריעזע סענדע פילם-מייסטערווערק, געשאפען אויפ׳ן גרונד פון רוסישען ראמאנס א. ב. „די

„טראיקע“ (TRÓJKA)

דראמע פון א׳איינזאמער מענשליכער נשמה, פערוויגט מיט ליבע און ליידענשאפטען, וואס שפילען זיך אפ אין די ווייטע רוסישע סטעפעס. — די הויפטראלען קרעאירען:
OLGA CZECHOWA i H. A. SCHLETTOW
מוזיקאלישע אילוסטראציע אויסגעפיהרט פון סימפאנישען ארקעסטער אונטער דער לייטונג פון ה׳ לעאן קאנטאר. געזאנג-אילוסטראציע אויסגעפיהרט פון א רוסישען כאר אונטער דער לייטונג פון דיר. Teodor Ryder
אנהייב פון די סעאנסען 4 א זייגער נאכמיטאג. שבת און זונטאג 12 א זייגער בייטאג. פרייזען פון די פלעצער אויף די ערשטע סעאנסען פון 1 זל. שבת און זונטאג 12 א זייגער בייטאג צו 75 גר. און 1 זל.

קלאנג-פילם-טעאטער
Grand=Kino
אנהייב פון די סעאנסען 4 א זייגער נאכמיטאג, לעצטער סעאנס 10.15, שבת און זונטאג 12 א זייגער. פרייזען אויף די פריהמארגען-פארשטעלונגען פערקלענערט.

היינט און פאלג. טעג! | גרויסער יום-טוב-פראגראם! | היינט און פאלג. טעג!
„רעווי פון האליוואוד“
פראכטיג מייסטערווערק וואס ס׳ווערען זעהר זעלטען געזעהען. גלענצענדע אויסשטאטונג.
25 פוילישע און אמעריקאנער שטערנס, 15 מוזיקאלישע קלוי-נומערן, 200 גירלס. הויפטראלע
H. Ordonówne, K. Hanusz, J. Gilbert, N. Shearer, Buster Keaton, B. Love
רעדט פויליש
K. Dane, C. Nagel, Buster Keaton
בעסטע קרעאציע פון

מיניאטור-טעאטער
„KAMELEON“
40 SIENKIEWICZA 40
אונטער דער לייטונג פון ליטעראריש קינסטלער
JAN ZANDMER.
טעגליך 2 פארשטעלונגען 7.45 און 9.45
שבת, זונטאג און יו״ט 3 פארשט. 5.45, 7.45, 9.45

היינט פרעמיערע פון דער צווייטער גרויסער פרעכטיגער רעווי א. ג.
„לאפעכ וויל אזוי“
איז 2 טיילן 16 בילדער
פון בום, העמאר, ווים א.א. — עס נעהמען אנטייל: Lopek-Boruński, J. Leonowicz, E. Waczyńska, B. Orliński
J. Chojnacka, Z Suwalski, W. Modrzeński דאס באלעט-ארל Dubrowska — Tawrydzki ווי אויך 6 רעווי-גירלס.
אין פראגראם; סקעטשען, אינסצעניזאציעס, סאלא-נומערן, אטראקציעס א. א. — רעזשי: B. Orliński קאנפערענסיערן: E. Waczyńska און C. Kantor
דעקאראציעס געמאהלען פון קונסט-מאלער Wł. Boruński — Wł. Nowakowski — מוזיק. לייטונג C. Kantor

קינא „ERA“
פריהער „פלארא“ זאווישא 22 (באלוט)
פערשטארקטער סימפאנישער ארקעסטער אונטער דער לייטונג פון ה׳ פיינער.
אנהייב פון כאר און מוזיק טעגליך 6 אווענד. שבת און יום טוב 4 א זייגער נאכמיטאג.

אויפ׳ן פערלאנג פון פובליקום! ■ גרויסער יום-טוב-פראגראם! ■ היינט און פאלגענדע טעג!
„דעם רבינס טאכטער“
די שעהנסטע עפאפיי פון מענשליכע ליידענשאפטען. :—: אין די הויפטראלען:
Iwan Mozżuchin פון „צארישען קוריער“ און דער אונפערגעסליכער העלד
Mary Philbin
גרויסער כאר ווארען א
צו דעם דאזיגען בילד איז ספעציעל אנגאזשירט געווארען א גרויסער כאר פון 10 פערזאן, וועלכע וועלן אויספיהרען רוסישע און יודישע געזאנגען און ראמאנסען. —

אבאנעמענטס-פרייזן		
פאר׳ן טעקסט—18 גר.	פרייטאג און ערב יו״ט—24 גר.	אין דער דייס 8 שפאלטען
אין טעקסט—40	—60	4
נאכ׳ן טעקסט—12	—18	8
וועגן פילמצער-שורות	פריידנט 50 פראצ. טייערע.	אויסל. 100 פראצ. טייערער. מעלדונגען—10 גר. א ווארט

אבאנעמענטס-פרייז: אין לאדז — 5 זל. א חודש מיט אפטראגען א היים; אויף דער פראווינץ 6 זל. א חודש; אין אויסלאנד — 8 זל.
פאר׳ן אינהאלט און טערמינען פון די אנאנסען איז דער פערלאג נישט פעראנטווארטליך. די אדמיניסטראציע איז אפען בייטאג און ביינאכט.

Wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Brzustowski i D. Zilberberg. Redaktor odpowiedzialny: Ch. Kaufman
Gacionkami i druk. „Najer Folksblat", Piotrkowska 21.